בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## כי תבא תשי"ד (חלק ב)

**בֹּאוּ נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה לִפְנֵי ה' עֹשֵׂנוּ**

• ביאור הגמרא דספק אם יש לו קרקע, מביא ביכורים ואינו קורא, משום דמיחזי כשיקרא • מצות ביכורים אי אפשר להשלימה בקריאה בדרך וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ • מקרא ביכורים הוא רק על ידי הבעלים • אמירת בִּרְכַּת הַלְּבָנָה לאחר זמנה, בדרך לימוד מתוך הגמרא הלכה כרב אשי דהוא מרא דתלמודא ובתראה הוא • בתנחומא: משה תיקן שלש תפלות ביום במקום ביכורים שעתידין ליפסק • אֱמֶת'דיגע תְּפִלּוֹת הוא מקור ההכנעה להשי"ת • הרגיל בתפילה בכוונה יוֹדֵעַ וּמֵבִין שרק לה' הישועה והכל ממנו • תפילות ותחנונים צריכים לאומרם מעומקא דליבא ולא כְּמִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה • חתם סופר: ביאור המשנה, לא תַעֲנִית וְשַׂק גּוֹרְמִים אֶלָּא תְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ג לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**
**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright
צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**



**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך ***949*** צו הערן די **רעקארדינגס**. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→5→714. 2**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **זרח פריעדמאן** הי״ו
לנישואי בתו - עב״ג החתן **אליעזר אבא** נ״י
בן הר״ר **יואל סטרולאוויטש** הי״ו

הר״ר **יואל פאשקעס** הי״ו (בן ר׳ דוד ברך)
לנישואי בתו - עב״ג החתן **שמעון** נ״י
בן הר״ר **שמואל משה ווייס** הי״ו

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

האי גאון וצדיק חסידא ופרישא, לוחם מלחמות ה׳,
העמיד תלמידים לאלפים, מרא דארעא דישראל
כקש״ת רבי **משה אריה** זצוק״ל **פריינד**
בן הגאון הצדיק רבי **ישראל** זצוק״ל אב״ד **הוניאד**
גאב״ד עיה״ק ירושלים תובב״א,
בעמח״ס ״עטרת יהושע״
ראש ישיבת וכולל אברכים ״יטב לב״ דסאטמאר
נפטר ביום כ׳ אלול תשנ״ו

הגאון הצדיק מגדולי הרבנים, חריף ובקי טובא, העמיד תלמידים הרבה והרביץ בהם תורה יראה וחסידות, גדר גדר ועמד בפרץ
הגה״צ רבי **צבי יששכר דוב** זצ״ל **כ״ץ**
**אב״ד** בית יוסף צבי דושינסקי וראש ישיבת תורת אש
בן הגה״צ רבי **אשר שמואל הכהן** אבד״ק דזשיבוי
ממובחרי תלמידי רביה״ק זי״ע דבוק בתורתו ודולה ומשקה לאחרים, ופעל למען חינוך הטהור ועניי ארה״ק
נפטר ביום י״ג אלול תשע״ח

הרה״ח הישיש הנכבד, ירא שמים, מלמד להועיל ששים שנה, עשה מלאכת ה׳ באמונה להשריש בלבות התלמידים תורה ויראת שמים, שפל ברך ומאיר פנים לכל אחד בשמחה
רבי **חיים אליהו** ז״ל **ביטמאן**
ב״ר ירחמיאל ז״ל
נפטר י״ח אלול תש״ם

הרה״ח ירא ושלם, שקדן בתורה בחשק ובתעצומה, תפלתו במתינות וזהיר באמירת הברכות, שם שמים שגור על פיו להודות תמיד, העביר על מדותיו ונזהר שלא לפגוע בזולתו
רבי **ניסן משה** ז״ל **כהנא**
ב״ר שלום ודינה ע״ה
נפטר ט״ז אלול תשע״ג

האשה החשובה והצנועה
מרת **גאלדא** ע״ה ב״ר בן ציון ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **אהרן עוזר טעססלער** ז״ל
נפטרה כ״א אלול תשס״ה

האשה החשובה והצנועה
מרת **פערל** ב״ר **יחזקאל זאב** ע״ה
אשת הרה״ח ר׳ **יצחק מנחם ענגעל** ז״ל
נפטרה י״ב אלול תשס״ט

KolSatmar.com

א

# קושיות ודקדוקים בפרשת בִּכּוּרִים

## קושיא א

להבין לשון 'וְהָיָה' כִּי תָבוֹא, דהוא לכאורה מיותר

[וְהָיָה[א] כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ וגו'].

א) וואס זאָגט ער וְהָיָה, וואָס זאָגט ער צי [שמוסיף גם לשון זה], וואָס איז דער 'וְהָיָה'.

ב

## קושיא ב

בפסוק הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת, מפרש בתנחומא דגם זה קאי על פרשת ביכורים. ומביא הפסוק בֹּאוּ נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה, דהם ג' לשונות הרומזים על הג' תפילות בכל יום. דלפי שצפה משה ברוח הקודש וראה שבית המקדש עתיד ליחרב והביכורים עתידין ליפסק, עמד והתקין שיהיו מתפללין ג' פעמים בכל יום

ווייטער ביי פרשת ביכורים, [לאחר זה] שטייט:

הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת [אֶת הַחֻקִּים הָאֵלֶּה וְאֶת הַמִּשְׁפָּטִים] וְשָׁמַרְתָּ וְעָשִׂיתָ אוֹתָם בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ.

דאָס גייט דאָך אויך אַרויף אויף בִּכּוּרִים, ווי רש"י זאָגט[ב] [לפרש הלשון] וְשָׁמַרְתָּ וְעָשִׂיתָ, בת קול מברכתו, הֵבֵאתָ בִּכּוּרִים היום, תִּשְׁנֶה לשנה הבאה.

ג

[וכן] דער מדרש תנחומא זאָגט[ג], הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת, זה שאמר הכתוב (תהלים צה, ו) בֹּאוּ נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה, נִבְרְכָה לִפְנֵי ה' עֹשֵׂנוּ. בשביל שצפה משה שבית המקדש עתיד ליחרב, וביכורים עתידין ליפסק, ס'וועט זיך אויפהערן ביכורים, עמד ותיקן להם ג' תְּפִלּוֹת, דריי תפלות. נִשְׁתַּחֲוֶה, וְנִכְרָעָה, נִבְרְכָה.

---

[א] חסר משהו בתחילת הריקארדינג.

[ב] ברש"י (כו, טז): הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ. בכל יום יהיו בעיניך חדשים, כאילו בו ביום נצטוית עליהם. וְשָׁמַרְתָּ וְעָשִׂיתָ אוֹתָם. בת קול מברכתו, הֵבֵאתָ ביכורים היום, תִּשְׁנֶה לשנה הבאה.

[ג] בתנחומא (סימן א): הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת, זה שאמר הכתוב בֹּאוּ נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה לִפְנֵי ה' עֹשֵׂנוּ. והלא כריעה בכלל השתחויה והשתחויה בכלל כריעה, ומה תלמוד לומר נִשְׁתַּחֲוֶה, נִכְרָעָה, נִבְרְכָה. אלא צפה משה ברוח הקודש וראה שבית המקדש עתיד ליחרב והביכורים עתידין ליפסק, עמד והתקין לישראל שיהיו מתפללין שלשה פעמים בכל יום. לפי שחביב תְּפִלָּה לפני הקב"ה מכל מעשים טובים ומכל הקרבנות, שכך כתיב (תהלים קמא, ב) תִּכּוֹן תְּפִלָּתִי קְטֹרֶת לְפָנֶיךָ מַשְׂאַת כַּפַּי מִנְחַת עָרֶב. ומשה רבינו אף על פי שעשה כל מעשים טובים, כיון שנגזר עליו שלא ליכנס לארץ התפלל ואמר (ואתחנן ד, כה) אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה, ואמר לו הקב"ה (שם ג, כו-כז) אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה עֲלֵה רֹאשׁ הַפִּסְגָּה.

[ואחר כך ממשיך התנחומא להדיא, לפרש הפסוק הַיּוֹם הַזֶּה וגו' על ענין ביכורים (והוא מקור לדברי רש"י דלעיל) וז"ל]: לכך נאמר הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת, מה כתיב למעלה מן הענין, הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ, אמר רבי אבהו בשם רבי יוסי בר חנינא, בֹּא וּרְאֵה כמה מתחטאין וכמה יש להן פתחון פה לעושי מצות, אדם יש לו עֵסֶק אצל מלכות, פעמים שהוא נותן כמה ממון עד שמגיעין אותו אצל המלך, כיון שהגיע אצל המלך ספק עושה שאלתו ספק לא עושה, אבל הקב"ה אינו כן, אלא יורד אדם לתוך שדהו ראה אֶשְׁכּוֹל שביכר תְּאֵנָה שביכרה רִמּוֹן שביכר, מניחו בסל והולך לירושלים ובא ועומד באמצע העזרה ומבקש רחמים על עצמו ועל ישראל ועל ארץ ישראל, שנאמר הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ וגו'. ולא עוד אלא שהיה אומר איני זז מכאן עד שתעשה צרכי היום הזה, שכתוב אחריו הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת. אמר רבי שמעון בן לקיש, יצתה בת קול ואמרה לו תזכה לשנה הבאה ותביא כהיום הזה, כאדם שהוא נותן פרי חדש לחברו ואומר לו יהי רצון שֶׁתִּשְׁנֶה ותתן לי לשנה האחרת.

KolSatmar.com

**ד**

**ויש להבין למה אמר דייקא על 'ביכורים' שהם עתידין ליפסק, והלא בזמן שאין ביהמ"ק קיים, הרי גם כל הקרבנות הם נפסקין ובטלין, ולא רק ביכורים**

**ב)** [נאָך] **לכאורה איז דאָך עפּעס אַ פֶּלֶא** [דברי התנחומא], **פאַרוואָס הענגט ער עס עפּעס אָן אין בִּכּוּרִים, ווייל די 'ביכורים' עתידין ליפסק** [איבערדעם] **האָט ער געמאַכט די תְּפִלּוֹת.**

**פאַרוואָס גראָד בִּכּוּרִים. אַז דאָס בית המקדש איז חרוב, איז דאָך חרוב אַלע קרבנות.**

**ה**

**קושיא ג**

**ועוד קשה מה שאמר דתקנו התפילות עבור ביכורים שעתידין ליפסק, דהרי מבואר בגמרא דתפלות נגד תמידים תקנום, וא"כ נתקנו במקום הקרבנות, ולמה אמר שהוא במקום ביכורים**

**ג) איבערהויפּט** [אַז ביי] **תְּפִלּוֹת שטייט דאָך אין די גמרא בפירוש**[ד], **תְּפִלּוֹת כנגד 'תמידים' תקנום, מ'האָט עס מְתַקֵּן געווען קעגן די תמידים.**

[און] **זיי זאָגן דאָך**[ה] [אַז] **אפילו דער וואָס ער לערנט תְּפִלּוֹת אבות תקנום**[ו], **אָבער אַלץ** [איז עס] **קעגן די תמידים,** [ומה שאמרו דאבות תקנום, הכוונה כי] **זיי אַליין** [האבות עצמם] **האָבן עס אויך געמאַכט אַקעגן די תמידים.**

---

[ד] **בגמרא ברכות** (כו:): איתמר, רבי יוסי ברבי חנינא אמר **תפלות אבות תקנום** [פירש"י: כדקתני בברייתא לקמיה], רבי יהושע בן לוי אמר **תפלות כנגד תמידין תקנום** [אנשי כנסת הגדולה]. ○ תניא כוותיה דרבי יוסי ברבי חנינא, ותניא כוותיה דרבי יהושע בן לוי. תניא כוותיה דרבי יוסי ברבי חנינא, **אברהם תקן תפלת שחרית, שנאמר** (וירא יט, כז) וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר עָמַד שָׁם, ואין עמידה אלא תפלה שנאמר (תהלים קו, ל) וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל, **יצחק תקן תפלת מנחה,** שנאמר (חיי כד, סג) וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב, ואין שיחה אלא תפלה שנאמר (תהלים קב, א) תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ, **יעקב תקן תפלת ערבית שנאמר** (ויצא כח, יא) וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם, ואין פגיעה אלא תפלה שנאמר (ירמי' ז, טז) וְאַתָּה אַל תִּתְפַּלֵּל בְּעַד הָעָם הַזֶּה וְאַל תִּשָּׂא בַעֲדָם רִנָּה וּתְפִלָּה וְאַל תִּפְגַּע בִּי. ○ **ותניא כוותיה דרבי יהושע בן לוי,** מפני מה אמרו **תפלת השחר עד חצות,** שהרי תמיד של שחר קרב והולך עד חצות, ורבי יהודה אומר עד ארבע שעות, שהרי תמיד של שחר קרב והולך עד ארבע שעות [רבי יהודה סבירא ליה שאין תמיד של שחר קרב אלא עד ארבע שעות]. **ומפני מה אמרו תפלת המנחה עד הערב,** שהרי תמיד של בין הערבים קרב והולך עד הערב, **רבי יהודה אומר עד פלג המנחה, שהרי תמיד של בין הערבים** קרב והולך עד פלג המנחה. **ומפני מה אמרו תפלת הערב אין לה קבע, שהרי אברים** [של עולות] **ופדרים** [של שאר קרבנות, שנזרק דמן קודם שקיעת החמה] **שלא נתעכלו מבערב, קרבים והולכים כל הלילה** [וכנגדן תקנו תפלת ערבית]. **ומפני מה אמרו של מוספין כל היום, שהרי קרבן של מוספין קרב כל היום, רבי יהודה אומר עד שבע שעות, שהרי קרבן מוסף קרב והולך עד שבע שעות.**

[ה] עיין **בגמרא ברכות** (להלן שם): **נימא תיהוי תיובתיה דרבי יוסי ברבי חנינא** [הך ברייתא דמסייע לריב"ל]. **אמר לך רבי יוסי ברבי חנינא, לעולם אימא לך תפלות אבות תקנום, ואסמכינהו רבנן אקרבנות. דאי לא תימא הכי, תפלת מוסף לרבי יוסי ברבי חנינא מאן תקנה, אלא תפלות אבות תקנום, ואסמכינהו רבנן אקרבנות.**

ועיין **בלחם משנה על הרמב"ם** (תפלה א, ה) וז"ל: וכן תקנו שיהא מנין התפלות וכו'. פרק תפלת השחר איתמר רבי יוסי בר חנינא אמר תפלות אבות תקנום, רבי יהושע בן לוי אמר תפלות כנגד תמידין תקנום, ותניא כוותיה דר' יוסי בר חנינא ותניא כוותיה דרבי יהושע בן לוי, ושם יישבו בגמרא הברייתא דמסייעא לרבי יהושע בן לוי אליבא דר' יוסי בר חנינא, אבל הברייתא דמסייעא לרבי יוסי בר חנינא לא יישבו אליבא דרבי יהושע בן לוי, ואם כן נראה ודאי דיש לפסוק כרבי יוסי בר חנינא. ואע"פ שכתב רבינו **כנגד תמידין תקנום**, לא הוי דלא כר' יוסי בר חנינא, דכבר פירשו בגמרא לדעתו דרבי יוסי בר חנינא **דאסמכינהו רבנן אקרבנות**, ואם כן **אפילו דנאמר דאבות תקנום, מכל מקום שפיר קאמר רבינו דכנגד תמידין תקנום.**

ומה שאמר רבינו דהאבות עצמם תקנום כנגד התמידין, כן הזכיר רבינו גם בס"ג **פרה תשי"ח** (לשון קדשו טו, אות נו) בלשון 'זיי זאָגן דאָך', כמו הכא. ועיקר הענין הזכיר רבינו בכ"מ, ומהם בליל שב"ק וס"ג **נצבים וילך תשכ"ז**. ועיין זה בלשון הישמח משה בפרשת ויצא (עה"פ ויפגע במקום) וז"ל: **ובגוף הפלוגתא אי תפילות אבות תקנום או כנגד תמידין תקנום, אלו ואלו דברי אלקים חיים ושניהם בקנה אחד עולים,** כי לכאורה קשה הרי היום הולך אחר הלילה, והוה ליה לאברהם לתקן ערבית, ויצחק שחרית, ויעקב מנחה, **אך כנגד תמידין תקנום, ובקדשים הלילה הולך אחר היום** (חולין פג:), והבן.

KolSatmar.com

און דאָ [בתנחומא] **זאָגט ער עפּעס גאָר אַקעגן די בִּיכּוּרִים גאָר.**

ו

ובפרט דיותר מסתבר שהתפילות הם במקום קרבנות, ולכן הצריכו ג׳ תפילות בכל יום, נגד הב׳ תמידין, והאברים ופדרים שבלילה, וכמבואר בגמרא. אבל הביכורים הלא הם רק פעם אחת בשנה

[וביותר יוקשה בה מה שאמר שנתקנו התפילות] **דריי מאָל אין טאָג קעגן די בִּיכּוּרִים,** [דהלא] **בִּכּוּרִים האָט מען דאָך נאָר געבּרענגט איין מאָל אין יאָר, און די תמידים זענען געווען אַלע טאָג, די קרבנות**[י]. [ואם כן היה לו לומר כי צפה משה ברוח הקודש אַז] **ס׳איז דאָך בטל געוואָרן די עבודה תמידית פון בית המקדש,** [ואם כן] **וואָס עפּעס** [נקט] **גראָד בִּיכּוּרִים. וואָס אַ שייכות האָט בִּיכּוּרִים צו די ג׳ תְּפִלּוֹת.**

נח

# הקדמה לישוב הקושיות בפרשת בִּיכּוּרִים

## ביאור גמרא גיטין, וגמרא בבא בתרא, בהסוגיא דקִנְיַן פֵּירוֹת

**לאָמיר זען דאָס ענין דאָ פון בִּיכּוּרִים, וואָס מ׳האָב מיר דאָ אָנגעהויבן, וואָס ער זאָגט** [בתנחומא] **אַז די ג׳ תְּפִלּוֹת זענען קעגן די בִּיכּוּרִים.**

**לאָמיר זען** [ביאור דברי המדרש, בשנקדים לזה ביאור הגמרא בסוגיא דקנין פירות].

נט

בגמרא גיטין: אי לאו דאמר רבי יוחנן קנין פירות כקנין הגוף דמי, **לא מצא ידיו ורגליו בבית המדרש.** שהרי אמר דאחין שחלקו לקוחות הן ומחזירין זה לזה ביובל, ואי היה סובר דלאו כקנין הגוף דמי, א״כ **לא משכחת דמביא ביכורים אלא חד בר חד** עד יהושע בן נון. ופירש״י דמה שאמרו **לא** משכחת ׳דמביא׳, היינו דמביא ׳וקורא׳, אבל הבאה לחוד שפיר דמי

**די גמרא זאָגט**[ז], [דאי נימא דאחין שחלקו ירושה כלקוחות הן, וגם דקנין פירות לאו כקנין הגוף דמי, אם כן] **לא משכחת דמביא בִּיכּוּרִים אלא חַד בַּר חַד** [עד יהושע בן נון, ופירש״י שלא היו לו ולאביו ולכל הדורות למפרע עד יהושע שני בנים לאיש אחד].

---

ועיין עוד בדברי רבינו בס״ג **וירא תשי״ז** בתחלת הדרוש, ונדפס בחידושי תורה תשי״ז וז״ל: והגם שבזה יש שם פלוגתא אם אבות תקנום או כנגד תמידין תקנון, **אבל נראה דהלכה הוא כשניהם, דבגמרא מסיק שם וכו׳** תפלות אבות תקנום ואסמכינהו רבנן אקרבנות וכו׳, נמצא ששניהם אמת. וכן נראה גם כן מרוב פוסקים שסוברין כשתיהן, וגם **הרמב״ם** פסק כן, שכתב **בהל׳ תפלה** (א, ה) וכן תקנו שיהא מנין התפלות כמנין הקרבנות וכו׳, וכתב שם **הלחם משנה** וכו׳ (הובא לשונו לעיל). **וראיה ברורה לזה נראה לי, דהנה הרמב״ם כתב בהל׳ מלכים** (ט, א) בא אברהם כו׳ והוא התפלל שחרית, יצחק הפריש מעשר והתפלל תפלה אחרת לפנות היום, ויעקב הוסיף גיד הנשה והתפלל ערבית. ולכאורה הוא סתירה, דכאן כתב שהאבות התפללו אלו התפלות נמצא שהם תקנו, ובהלכות תפלה כתב דכנגד תמידין קתנום, רק לפי הלחם משנה מתורץ, שכתב שהרמב״ם סובר כשתיהן, ומזה נראה באמת שסובר כשתיהן וכו׳. וגם **בזוהר הק׳** (ח״א קלג.) מבואר כן, שהאנשי כנסת הגדולה תקנו, וגם האבות תקנו, ושניהם אמת.

[י] ולכן נתקנו ג׳ פעמים ביום, נגד תמיד של שחר, ותמיד של בין הערבים, והאברים ופדרים של קרבנות היום שהיו קרבין והולכין כל הלילה.

[ז] **בגמרא גיטין** (מז: מח.): איתמר, **המוכר שדהו לפירות** [פירש״י: שיאכל הלוקח פירות עד עשר שנים, ותחזור הקרקע לבעליה, ובזמן שאין היובל נוהג קאמר וכו׳, דאי בזמן שיובל נוהג, סתם מכירה לפירות היא, שהרי סופה לחזור ביובל], **רבי יוחנן אמר מביא וקורא, ריש לקיש אמר מביא ואינו קורא.** רבי יוחנן אמר מביא וקורא, **קנין פירות כקנין הגוף דמי** [ויכול לומר מראשית פרי האדמה אשר נתתה לי]. ריש לקיש אמר מביא ואינו קורא, **קנין פירות לאו כקנין הגוף דמי וכו׳.** ○ ואזדו לטעמייהו, דאיתמר המוכר שדהו **בזמן שהיובל נוהג** [דאז כל מכירת קרקע לפירות, שהרי חוזר הגוף ביובל], **רבי יוחנן אמר מביא וקורא, ריש לקיש אמר מביא ואינו קורא.** רבי יוחנן אמר מביא וקורא, **קנין פירות כקנין הגוף דמי,** ריש לקיש אמר מביא ואינו קורא, **קנין פירות לאו כקנין הגוף דמי.** ○ וצריכא, דאי

KolSatmar.com

**זאָגט רש"י,** [דהכוונה] **לא משכחת דמביא 'וקורא'.** [ווייל] **ברענגען מעג מען דאָך על הספק אויך, נאָר קוֹרֵא זיין קען מען נישט.**

**ס**

**קושיא א - בסוגיא דקנין פירות**

וקשה דאם הכוונה רק על 'הקריאה', אם כן למה אמרו בלשון הגמרא 'דמביא' ביכורים

[ולכאורה קשה על זה] **וואָס דען זאָגט ער** [בגמרא] **לא משכחת 'דמביא', ס'איז דאָך צוויי מִצְוֹת**[ח] [נפרדות, ההבאה והקריאה, והול"ל] **לא משכחת 'דקורא' על ביכורים, וואָס זאָגט ער עפּעס מביא.**

**סא**

**הקדמה לקושיא ב - בסוגיא דקנין פירות**

**בגמרא בבא בתרא:** הקונה שני אילנות בתוך של חבירו, **מביא ואינו קורא**, משום דיש ספק אם קנה הקרקע, ולכן מספק מביא, אבל אינו קורא מספק. ופריך, מכדי פסוקי נינהו, ליקרי מספק, כאדם שקורא בתורה. ומתרץ רב אשי, משום דמיחזי כשיקרא. ורב משרשיא מתרץ, דלמא אתי לאפקועינהו מתרומה ומעשר

[נאָר] **דאָס ענין דערפון לאָמיר זען.**

**דאָס ענין לעולם איז דאָך אַן ענְיָן פֶּלֶא,** [דהנה] **ס'שטייט די גמרא זאָגט אין בבא בתרא**[ט]**, הקונה שני אילנות** [בתוך שדה חבירו, באופן] **אַז ס'איז אַ סָפֵק צי מ'האָט 'קַרְקַע'** [בארץ ישראל]**, טאָר מען נישט 'קוֹרֵא' זיין** [מִקְרָא בִּכּוּרִים].

---

איתמר בההיא, בההיא קאמר ריש לקיש, דכי קא נחית אדעתא דפירא קא נחית [ולאו אדעתא למקנייה לארעא, אפילו שעה אחת], אבל בהך דאדעתא דגופיה קא נחית אימא מודי ליה לרבי יוחנן. ואי איתמר בהא, בהא קאמר רבי יוחנן, אבל בהך אימא מודי ליה לריש לקיש, צריכא וכו'.

אמר רב יוסף, **אי לאו דאמר רבי יוחנן קנין פירות כקנין הגוף דמי, לא מצא ידיו ורגליו בבית המדרש.** דאמר רבי אסי אמר **רבי יוחנן, האחין שחלקו לקוחות הן** [דאין ברירה, והוי כמו שהחליפו חלקיהן]**, ומחזירין זה לזה ביובל** [משום מצות יובל]. **ואי סלקא דעתך לאו כקנין הגוף דמי** [כיון דאמר ירושה המתחלקת הויא לקיחה, אם אית ליה קנין פירות - דהיינו כל לקיחה שבשעת יובל - לאו כקנין הגוף דמי, ואין מביא וקורא]**, לא משכחת דמייתי ביכורים** [וקורא] **אלא** [בירושה שלא נחלקה משנפלה בימי יהושע, דהיינו] **חד בר חד עד יהושע בן נון** [שלא היו לו ולאביו ולכל הדורות למפרע עד יהושע שני בנים לאיש אחד שיחלקו ירושה].

[ויש לציין כי רבינו קיצר בכאן בדברי הגמרא שבסוגיא זו באופן שאינו מובן בקל רק למי שלמד הסוגיא, כי כבר האריך רבינו בזה בלימוד הסוגיא לתלמידי הישיבה, והתלמידים היו בקיאים בדברי הגמרא ובעיקרי הקושיות שעל הסוגיא, אשר רבינו יסד דבריו עליהם כאן בדרוש זה].

[ח] וכמו שחשבוהו מוני המצות לב' מצות בחשבון תרי"ג, עיין **בספר המצות להרמב"ם** (מצוה קכה, ומצוה קלב), **ובספר החינוך** (מצוה צא, ומצוה תרו).

[ט] **דאיתא במשנה בבא בתרא** (פא.)**: הקונה שני אילנות בתוך שדה חבירו, הרי זה לא קנה קרקע, רבי מאיר אומר קנה קרקע. - ועל זה אמרו שם בגמרא** (פא.-פב.)**: תנן התם, הקונה שני אילנות בתוך של חבירו מביא ואינו קורא, רבי מאיר אומר מביא וקורא וכו'. ○ אמר לו ר"ש בן אליקים לר' אלעזר, מאי טעמא דר"מ באילן אחד, ומאי טעמא דרבנן בשני אילנות וכו'** [פירש רשב"ם: כיון דאינו קורא, משום דכתיב אֲשֶׁר תָּבִיא 'מֵאַרְצְךָ', למה מביא, הא 'מהבאה' נמי ממעט ליה קרא]**, אמר רבה מאי קושיא, דלמא ר"מ באילן אחד ספוקי מספקא ליה, ורבנן בשני אילנות ספוקי מספקא להו** [אי קנה קרקע מן הדין או לא, והאי דאמרי לא קנה קרקע, היינו משום דיד המוכר על העליונה דמספיקא לא מפקינן מיניה] **וכו'.**

**ודלמא בִּכּוּרִים נינהו ובעו קרייה** [והיאך יאכל מהם בלא קרייה]**, קרייה לא מעכבת** [כדאמרינן בפ' בתרא דמסכת מכות]**. ולא, והאמר ר' זירא כל הראוי לבילה אין בילה מעכבת בו, ושאינו ראוי לבילה בילה מעכבת בו** [וגבי ביכורים נמי דחזו לקרייה בעינן, ואע"ג דאיכא מביאי ביכורים שמביאין ולא קורין במסכת ביכורים (א, ד), ה"מ כגון גר דמעיקרא כי מייתי ע"מ שלא לקרות מייתי להו, וכגון מהחג ועד חנוכה דמביא ואינו קורא כדנפקא לן מקראי בסיפרי, אבל הנך ביכורים דמייתי להו מספיקא, שמא טעונין קרייה מן התורה דשמא קנה קרקע, והלכך חזו לקרייה בעינן]**, דעביד להו כר' יוסי בר חנינא דאמר בצרן ושגרן ביד שליח וכו', מביא ואינו קורא** [אין הבעלים קורין]**, מאי טעמא, דכתיב וְלָקַחְתָּ וְהֵבֵאתָ** [וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא, והאי וְלָקַחְתָּ קרא יתירא הוא, דמצי למיכתב וְהֵבֵאתָ מֵאַרְצְךָ, ודרשינן ביה]**, עד שתהא לקיחה והבאה כאחד, והא ליכא.** [מי שלוקח דהיינו בוצר הוא מביא, דבעינן הבצירה וההבאה כולה עד לירושלים באדם אחד, הלכך היכא דבצרן איהו והשליח הביאן, **לא הויא לקיחה והבאה באחד** אלא בשנים וכו'. אבל

KolSatmar.com

פרעגט די גמרא פאַרוואָס, **מכדי פסוקי בעלמא הוא, ליקרי**. טאָר מען דען נישט זאָגן קיין פסוקים פון די תורה, מ'זאָגט [דאָך] אַנדערע פסוקים אויך.

זאָגט **רב אשי**, מ'טאָר נישט זאָגן [מִקְרָא בִּכּוּרִים], ווייל ס'איז **מֶיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא**.

**רב משרשיא** זאָגט, **דילמא אתי** [לאפקועינהו] **מתרומה ומעשר**.

**סב**

והנה מה שקשה על תירוץ דרב אשי דבשאר מקומות אמרינן דלא חיישינן למיחזי כשיקרא,
כבר ביארו התוספות בזה דאין זה כלל, ולפעמים חיישינן לזה, ומבואר שם החילוקים בזה

נאָר ס'איז גאָרנישט קיין סְתִירָה [דעס] וואָס ער זאָגט [דעם טעם] ווייל **מִיחְזֵי כְּשִׁיקְרָא**, - [ווי] דער **שאגת אריה** איז מֵעִיר דערויף[ט], - [מיט דעם וואָס] די גמרא זאָגט [במקומות אחרים] (כתובות פה: וגיטין כו:) **לְמִיחְזֵי כְּשִׁיקְרָא לא חיישינן**.

וואָרן לעולם **תוספות** אַליין זאָגט דאָך דאָרטן אין **כתובות**[י] אַז דאָס איז נישט קיין **כְּלָל** [בכל מקום, און] אַז נאָר דעס וואָס כ'האָב מורא טאָמער איז דער שטר פאַר אַן אַנדערן[יא] [בזה לא חיישינן למיחזי כשיקרא], אָבער טאָמער איז עס אַזאַ זאַך וואָס דער גאַנצער שטר קאָן בטל ווערן[יב], בין איך יאָ חייש לְמִיחְזֵי כְּשִׁיקְרָא.

ממילא איז דאָך עס נישט קיין כְּלָל, איז דאָך עס נישט אַלעמאָל גלייך, איז דאָס נישט קיין קשיא.

**סג**

אלא דבשאגת אריה כתב לפרש בדעת הרמב"ם דלא ס"ל כתירוץ דרב אשי דמיחזי כשיקרא, מפאת קושיא הנזכרת דיש סתירה לזה ממקומות אחרים, ובזה כתב ליישב גם הסתירות שיש בפסקי הרמב"ם לפי הגמרא דגיטין הנזכר, עיי"ש

נאָר ער [דער שאגת אריה] **וויל מיט דעם פאַרענטפערן דעם רמב"ם**, [דלכאורה יש **סתירה בפסקי הרמב"ם**, לפי הסוגיא דהגמרא בגיטין][יג].

**אַז ער האַלט נישט** [דעם טעם פון] **מִיחְזֵי כְּשִׁיקְרָא** [כיון דחזינן בשאר מקומות בגמרא דלמיחזי כשיקרא לא חיישינן, ועל כן בסתם המביא ביכורים שפיר מצי "קורא"].

ער וויל [מיט דעם] **פאַרענטפערן** דעם [קושיא דרב יוסף בגמרא, דאם כן] **לא מצא ידיו ורגליו**[יד] [בבית המדרש, שלא יוקשה כן על הרמב"ם בפסקיו].

---

היכא דבצרן שליח והביאן לירושלים אז קורין הבעלים, דשלוחו של אדם כמותו ויכול לקרות הנה הבאתי וגו', ומיהו שליח עצמו **לא בר קרייה הוא** כדתנן במס' ביכורים (א, ה. והובא להלן בהערה כז), שאין יכול לומר אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי ה'. והכא נמי בוצרן ושולחן ע"י שליח, דפטר להו מקרייה].

אמר ליה רב אחא בריה דרב אויא לרב אשי, **מכדי פסוקי נינהו, ליקרי**, [ואמאי עביד להו כדר' יוסי, כמו שמביא מספק כך יהא קורא מספק, כאדם שקורא בתורה]. **אמר ליה משום דמיחזי כשיקרא** [שהרי בשביל הבאת ביכורים קא קרי, ושמא לאו בקרקע שלו גדלו, וקא משקר, וכתיב (תהלים קא, ז) דֹּבֵר שְׁקָרִים לֹא יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָי, אבל כשקורא בתורה לא מיחזי כשיקרא]. רב משרשיא בריה דרב חייא אמר, **דלמא אתי לאפקועינהו מתרומה ומעשר** [מאן דחזי דקרי עלייהו כביכורים ודאים, כשיהיו לו ביכורים כאלו לא יפריש מהן תרומה, דקסבר ביכורים ודאין הן. אי נמי האי גברא גופיה. הלכך עבוד בהו היכרא שלא לקרות].

[י] **בתוספות כתובות** (כא: ד"ה האמר), עיי"ש בפנים ותלוי בכמה סוגיות, ואכמ"ל. ועיין עוד בזה **בתוספות בבא קמא** (ע. ד"ה אמטלטלין) **ובתוספות גיטין** (כו. ד"ה רבי אלעזר).

[יא] כגון בגט שמצאו באשפה, או שטר שלוה ופרעו.

[יב] כגון בקיום השטר בבית דין.

[יג] כי **בהל' ביכורים** (ד, ו) פסק הרמב"ם דהמוכר שדהו לפירות הלוקח מביא ואינו קורא שקנין פירות אינו כקנין הגוף, **ובהל' שמיטה ויובל** (יא, כ) פסק דהאחין שחלקו כלקוחות הן ומחזירין זה לזה חלבו ביובל. ולפי הסוגיא **בגמרא דגיטין** (המובא לעיל) יוקשה עליו **קושיית רב יוסף**, דאם האחין שחלקו כלקוחות, וקנין פירות לאו כקנין הגוף האיך מצא ידיו ורגליו בבית המדרש, דלא משכחת דמביא וקורא אלא חד בר חד עד יהושע בן נון.

KolSatmar.com

**סד**

אבל לי נראה דאין הכרח לפרש כן בדעת הרמב"ם, כי באמת ראוי לפסוק כרב אשי דבתראה הוא, והוא חייש כאן למיחזי כשיקרא, וכמו שכתב בשאגת אריה גופיה. והסתירות שבפסקי הרמב"ם, כבר נאמרו כמה תירוצים על זה בדרכים אחרים

**אָבער אין אֱמֶת אַריין, אויף דעם** [על סתירת דברי הרמב"ם] **איז דאָך דאָ אַסאַך אַנדערע תְּירוּצִים**[טו]**, ס'איז נישט קיין הֶכְרֵח** [לומר מחמת זה כי הרמב"ם לא ס"ל כרב אשי שאמר הטעם משום מיחזי כשיקרא].

**אָבער אין אֱמֶת'ן - זאָגט ער אַליין** [בשאגת אריה][טז] **- העט מען געדאַרפט צו פַּסְקְ'נען אַזוי ווי רב אשי,** [ווייל] **רב אשי איז מרא דכולה תלמודא**[יז]**,** [ובדרך] **סְתָּם פַּסְקְ'נט מען דאָך אַזוי ווי רב אשי דבתראה הוא, און ער** [רב אשי] **זאָגט דעם טעם** [אַז] **וועגן דעם טאָר מען נישט קורא זיין, ווייל מיחזי כְּשִׁיקְרָא**[יח]**.**

**סה**

**קושיא ב - בסוגיא דקנין פירות**

אמנם גוף הענין שאמר רב אשי הטעם משום דמיחזי כשיקרא, צ"ב דלמה לא נימא דאף אם אין לו קרקע יוכל לקרות כאדם הקורא פרשה בתורה, וכמו שאומרין כן בשאר מקומות

**נאָר דאָס ענין אַליין, מ'זאָל פאַרשטיין 'פאַרוואָס' ס'איז מיחזי כְּשִׁיקְרָא** [כשקורא פרשת ביכורים, ולאו ביכורים נינהו].

[וכי] **אַז מ'זאָגט פסוקים איז מִיחְזֵי כְּשִׁיקְרָא? 'אונז' לייען מיר דען נישט די פרשה**

---

[יד] עיין בזה בדברי הגמרא גיטין המובא לעיל (בהערה ז), ותבין הסתירה.

[טו] וכמו שהאריך רבינו בעת לימוד הסוגיא ליישב סתירת הרמב"ם בכמה אופנים. ועיין בקונטרס חידושי סוגיות (סוגיא דקנין פירות) ח' אופנים נפלאים בישוב סתירת הרמב"ם בזה.

[טז] **בשאגת אריה** (סימן צ), ועיין שם בפנים שהאריך בזה בפלפול עמוק, ואכ"מ להאריך בזה. ונעתיק רק מקצת לשונו מענין זה ממש וז"ל: **והרמב"ם ז"ל** (בכורים ד, ד) **פוסק כרב משרשיא, דלא חיישינן למחזי כשיקרא, אלא לדלמא מפקע להו, הלכך אע"ג דפסק דקנין פירות לאו כקנין הגוף דמי, והאחים שחלקו לקוחות הן ומחזירין זה לזה ביובל,** אפ"ה קָרֵי מספיקא, דכיון דטעמא דלקוחות הן היינו משום אין ברירה, והרי הא דאין ברירה ספיקא הוא דלמא החליפו, ומספיקא מחזירין, וכיון דאיכא לספוקי נמי דלמא לא החליפו ובני קריאה נינהו, מספיקא חייב בקריאה נמי, כיון דליכא למיחש למידי. הלכך מייתי בודאי וקרי מספיקא, וכיון דרשאי לקרות חייב לקרות מספיקא דהו"ל ספיקא דאורייתא. והשתא ליכא למימר לא מצינו דמייתי או דקרי אלא חד בר חד, דכולי עלמא נמי מייתו מוודאי וקרי מספיקא.

**וטעמא דפסק כדרב משרשיא משום דלמא מפקע להו, ולא פסק כרב אשי דאמר משום דמחזי כשיקרא, דהא רב אשי בתרא הוא ומרא דגמרא, טפי מרב משרשיא.** נראה לי דהיינו טעמא משום דהא בפרק ט' דכתובות (פה.) **ובפרק ג' דגיטין** (כו:) **מסיק סתמא דגמרא דלמחזי כשיקרא לא חיישינן.**

[יז] לשון המורגל בכמה ראשונים והפוסקים, דרב אשי מרא דתלמודא, או מרא דגמרא, ולכן הלכתא כוותיה נגד שאר האמוראים. והכוונה שהוא חיבר את התלמוד ביחד עם רבינא, ולכן הוא גם בתראה נגד שאר אמוראים, והלכתא כבתראה.

ועיין **בגמרא בבא מציעא** (פה: פו.): **לדידי חזי לי סיפרא דאדם הראשון,** וכתיב ביה רבי ורבי נתן סוף משנה, **רב אשי ורבינא סוף הוראה,** וסימנך (תהלים עג, יז) **עַד אָבוֹא אֶל מִקְדְּשֵׁי קֵל אָבִינָה לְאַחֲרִיתָם.** ופירש רש"י: סוף הוראה. סוף כל האמוראין, עד ימיהם לא היתה גמרא על הסדר, אלא כשהיתה שאלה נשאלת בטעם המשנה בבית המדרש, או שאלה על מעשה המאורע בדין ממון או איסור והיתר, כל אחד ואחד אומר טעמו, **ורב אשי ורבינא סידרו שמועות אמוראין שלפניהם, וקבעו על סדר המסכתות כל אחד ואחד אצל המשנה** הראויה והשנויה לה, והקשו קושיות שיש להשיב ופירוקים שראויים לתרץ, הם והאמוראים שעמהם, **וקבעו הכל בגמרא,** כגון איתיביה, מיתיבי, ורמינהי, איבעיא להו, והתרוצים שעליהן, מה ששיירו אותן שלפניהן. ואותן שאמרו לפניהם, הקושיות והתירוצין שעליהם לא קבעום בגמרא על סדר המסכתות והמשנה שסידר רבי, ובאו רב אשי ורבינא וקבעום: **וסימנך עד אָבוֹא אֶל מִקְדְּשֵׁי קֵל.** 'מקדשי' סימנא דרב אשי, 'אבינה' סימנא דרבינא, 'לאחריתם' סימן סוף הוראה.

[יח] ועיין עוד בזה בדברי רבינו בקונטרס **חידושי סוגיות** (קנין פירות, אופן ו).

פון כִּי תָבוֹא [בקריאת התורה], מ׳איז גאָר מְחוּיָב [צו ליינען אין די תורה], ס׳איז מתקנת משה[יט] אַז מ׳זאָל ליינען די גאַנצע תּוֹרָה. צי [סיי] וויאַזוי מ׳איז מְסַיֵּם, צי יעדעס יאָר, אָדער [ווי] בְּמַעֲרָבָא[כ] [שסיימו] אין דריי יאָר[כא]. אָבער מ׳ליינט דאָך, די קריאה איז פון תקנת משה, [און] דעמאָלטס זאָגט מען דאָך אַלע פְּסוּקִים [וגם מקרא ביכורים].

[ואם כן כמו כן בהקונה שתי אילנות בתוך שדה חבירו] פאַרוואָס האָט מען נישט געקענט זאָגן [מקרא ביכורים] כקורא בתורה. [וכעין מה שאמרו][כב] מכאן ואילך לא הפסיד, כאדם הקורא בתורה, ביי קריאת שמע. (ועיין עוד להלן באות עד).

פאַרוואָס האָט מען נישט געקענט זאָגן די פְּסוּקִים, זאָל ער פָּשׁוּט לערנען אַ פַּרְשָׁה אין די תּוֹרָה.

## סו

זיי ווילן זאָגן ביי אַ בְּרָכָה אפילו, [וכגון] ביי קִדּוּשׁ לְבָנָה, זאָגן זיי אויכעט[כג], [כי] אַז ס׳איז אַריבער דער זְמַן [של חצי החודש, כשיש פלוגתא אם עדיין יכול לברך], זאָל מען עס

---

[יט] כמבואר בגמרא בבא קמא (פב.): עשרה תקנות תיקן עזרא, שקורין במנחה בשבת, וקורין בשני ובחמישי וכו׳. ושיהו קוראין בשני ובחמישי עזרא תיקן, והא מעיקרא הוה מיתקנא, דתניא וַיֵּלְכוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים בַּמִּדְבָּר וְלֹא מָצְאוּ מָיִם (בשלח טו, כב), דורשי רשומות אמרו אין מים אלא תורה, שנאמר (ישעי׳ נה, א) הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם, כיון שהלכו שלשת ימים בלא תורה נלאו, עמדו נביאים שביניהם ותיקנו להם שיהו קורין בשבת, ומפסיקין באחד בשבת וקורין בשני, ומפסיקין שלישי ורביעי וקורין בחמישי, ומפסיקין ערב שבת, כדי שלא ילינו ג׳ ימים בלא תורה. מעיקרא תקנו חד גברא תלתא פסוקי, אי נמי תלתא גברי תלתא פסוקי, כנגד כהנים לוים וישראלים, אתא הוא תיקן תלתא גברי ועשרה פסוקי, כנגד עשרה בטלנין.

וברמב״ם (תפילה יב, א): משה רבינו תיקן להם לישראל שיהו קורין בתורה ברבים בשבת, ובשני ובחמישי בשחרית, כדי שלא ישהו שלשה ימים בלא שמיעת תורה. ועזרא תיקן שיהו קורין כן במנחה בכל שבת, משום יושבי קרנות, וגם הוא תיקן שיהו קורין בשני ובחמישי שלשה בני אדם, ולא יקראו פחות מעשרה פסוקים.

וכתב בכסף משנה שם: וכלפי מה שאמרו [בגמרא] עמדו נביאים שביניהם ותקנו, כתב רבינו משה רבינו ע״ה, שהוא היה הנביא הגדול, וכל נביאים שבדור בית דינו הוא, ועוד שלא עשו דבר אלא בהסכמתו, ואם כן אליו ראוי לייחס הענין. ועוד דגרסינן בירושלמי (מגילה כט.) וכתבו הרי״ף פרק הקורא עומד ויושב, ׳משה׳ תיקן לישראל שיהיו קורין בתורה בשבתות ובימים טובים, ובראש חודש ובחולו של מועד.

[כ] ארץ ישראל, בימי הגמרא.

[כא] כמבואר בגמרא מגילה (כט:): לבני מערבא דמסקי לדאורייתא בתלת שנין. ופירש רש״י: דמסקי אורייתא. מסיימין חמשה חומשין, פעם אחת לשלש שנים, ולא בכל שנה כמו שאנו עושין.

וז״ל הרמב״ם (תפלה יג, א): המנהג הפשוט בכל ישראל, שמשלימין את התורה בשנה אחת, מתחילין בשבת שאחר חג הסוכות וקורין בסדר בראשית, בשניה אלה תולדות [נח], בשלישית ויאמר ה׳ אל אברם [לך לך], וקוראין והולכין על הסדר הזה, עד שגומרין את התורה בחג הסוכות. ויש מי שמשלים את התורה בשלש שנים, ואינו מנהג פשוט.

[כב] במשנה ברכות (ט:): מאימתי קורין את שמע בשחרית וכו׳, וגומרה עד הנץ החמה, רבי יהושע אומר עד שלש שעות וכו׳. הקורא מכאן ואילך לא הפסיד, כאדם הקורא בתורה.

[כג] כמובא בספר דרך פקודיך (מצוה ד, חלק המעשה אות טז) וז״ל: מברכין עליה כל זמן שהיא בחידושה, דהיינו חצי הזמן מן כ״ט יום י״ב שעות תשצ״ג חלקים (שהוא שיעור מהלך הלבנה לחודש), שעד חצי הזמן הזה היא מוספת אור וחידוש, משא״כ אחר הזמן הזה מתחלת להתחסר. הג״ה, אמרו לי מגידי אמת בשם אדמו״ר הרב מורינו הרבי יעקב יצחק [מלובלין] זצוק״ל, באם לא נראית הלבנה בזמנה עד אחר אותו הזמן, יאמר המימרא בגמרא (סנהדרין מב.), מאי מברך, אמר רב יהודה, בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר בְּמַאֲמָרוֹ [בָּרָא שְׁחָקִים] וכו׳. ○ ולי נראה לומר בְּרִיךְ רַחֲמָנָא מָרֵיהּ מַלְכָּא דְעַלְמָא אֲשֶׁר בְּמַאֲמָרוֹ וכו׳, וכן אני נוהג בכל ספק ברכות.

ועיין בספר משמרת שלום (קאוידינאוו, סימן לא אות ז) שהביא לשון הדרך פקודיך, ועל זה כתב וז״ל: ולי נראה [לעשות] כדעת הרב מלובלין ז״ל, אך יתחיל מעט מקודם ויאמר כך, אמר ליה רב אחא לרב אשי במערבא מברכי ברוך מחדש חדשים, אמר ליה, האי נשי דידן נמי מברכי, אלא כדרב יהודה, דאמר רב יהודה ברוך אתה ה׳ אלקינו מלך העולם אשר כמאמרו וכו׳.

ובספר תוספות חיים על החיי אדם (כלל קיח סימן יד, ס״ק כה) כתב וז״ל: ואם היה שעת הדחק יש אומרים דמותר לקדשה גם בליל ט״ז בברכה בשם ומלכות, תשובת השיב משה (או״ח סימן יד, וע״ע בשו״ת אבני צדק להייט״ל

KolSatmar.com

**לערנען די בְּרָכָה אין די גמרא** [ובהזכרת השם. דכל שהוא קורא] **בְּדֶרֶךְ לִמּוּד איז עס נישט קיין בְּרָכָה לְבַטָּלָה**[כד].

[ואם כן הכא נמי צריך ביאור] **פאַרוואָס איז דאָס מִיחְזֵי כְּשִׁיקְרָא,** [צו] **זאָגן אַ פַּרְשָׁה אין די תורה.** [ויוכל לכוון שבאם אין זה ביכורים, יהא נחשב רק כקורא בתורה].

### סז

### ישוב קושיא ב – בסוגיא דקנין פירות

אמנם נראה בביאור הענין, כי הנה בטעם מצות ביכורים כתב הרמב"ם ושאר ראשונים, דהוא כדי שֶׁיֵּרָאֶה בזה הכנעה מול הקב"ה, ויכיר שהכל בא לידו רק ע"י הקב"ה, ולא בכחו ועוצם ידו, ועי"ז לא יבוא לידי הרמת לבו בגאוה ובעיטה ע"י עושרו

**זען זעט אָבער אויס** [הביאור זה כדלהלן].

[דהנה] **לעולם זאָגט מען** [לבאר] **דער טעם פון** [מצות] **ביכורים, דער טעם זאָגט דאָךְ דער רמב"ם**[כה] **און אַנדערע ראשונים**[כו]**, אַז דאָס ווייזט אויף הַכְנָעָה, מ'זאָל זיך נישט**

---

חאו"ח סימן מ"ו שהאריך בדבריו) **ותשובת שואל ומשיב** (מהדו"ק ח"ג סימן קנג) **וספר נוצר חסד, ועיין בתשובת חתם סופר** (סימן קב). **אבל דעת השערי תשובה ומטה אפרים** (סימן תקפא, סעיף י) **וישועת יעקב דיקדש בלא שם המלכות. והעולם נהגו שאם אין יכולין לקדשה עד ליל ט"ו או ט"ז, לוקחין הגמרא או הטור** (או"ח סימן תכו) **ואומרים אמר רב יהודה הרואה לבנה בחידושה אומר ברוך אתה ה' וכו'** (הוא לשון הטור)**, וגומר כל הברכה וכל הנוסח. דרך פקודיך.** [ועיין עוד בבני יששכר (ר"ח א, יג) בענין סוף זמן ברכת הלבנה. וע"ע בארחות חיים (ספינקא, סימן תכו אות יד) ואכמ"ל].

[ודע דלפנינו בגמרא לא נדפס שם הברכה עם השם ומלכות, אולם ברי"ף (ברכות כא.) ורא"ש (סנהדרין פ"ה, סימן א) נדפס הנוסח בשם ומלכות, ומוכח שכן גרסו בגמרא].

[כד] עיין מה שכתב בזה **במגן אברהם** (או"ח רטו, ה)**, ועיין בשערי תשובה** (שם, ד) **בשם שו"ת שאילת יעב"ץ** (סימן פא) שהעיד כן בשם אביו **החכם צבי**, דמותר לומר הזכרת השם בדרך לימודו. ועיין עוד **בשדי חמד** מערכת ברכות (סימן א, אות מג). [ואף דבעלמא לא עבדינן הכי, אלא כמבואר במגן אברהם שם, אבל עכ"פ לא הוה ברכה לבטלה, וע"כ באופן כזה מותר כדי לצאת ידי ספק בחובת ברכת הלבנה. ועיין בשו"ת **יגל יעקב** (או"ח סימן ס, ד"ה ומ"מ נלענ"ד) שהתיר לענין ברכת הלבנה בליל ט"ז לחודש, דבלא"ה יש פלוגתא אם עדיין יכולין אז לברך על הלבנה, עיי"ש בדבריו. אמנם ע"ע **בבאר היטב** (או"ח תכו, ה) בשם כנסת הגדולה שכתב דגם אחר ט"ז לחודש יש לברך עכ"פ בלא שם ומלכות, וא"כ יש לפרש דברי הרה"ק מלובלין גם אלאחר ט"ז, וכדמשמע לכאורה מסתמיות לשון הדרך פקודיך, דכיון שיש דעה שיכולין לברך, אף דבעלמא אין לברך בשם ומלכות, מ"מ בצירוף שהוא דרך לימודו אפשר להתיר, וכחידושו של הרה"ק מלובלין בזה. ומ"מ למעשה אפשר שלא נקטינן הכי רק בליל ט"ז, וכדברי היגל יעקב, וכן הוא **בדרכי חיים ושלום** (אות תצה)].

[כה] **בספר המורה חלק ג'** (פרק לט)**:** אבל נטע רבעי וכו', הוא נוהג מנהג התרומה והחלה **והביכורים** וראשית הגז, **שהוא ליתן ראשית כל דבר לאלוק**, לחזק מדת הנדיבות, ולמעט תאות המאכל וקנות הממון וכו'. **אבל מקרא ביכורים יש בו מדת ענוה גם כן, שהוא לוקח סל על כתפיו ומודיע חסדי ה' וגמולותיו, להודיע לבני אדם, שמעבודת ה' הוא שיזכור עיתות צרתו ועניני מצוקותיו כשירחיב לו ה'.** ○ **וזאת הכונה חיזקה אותה התורה במקומות רבים**, וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ וגו', **מפני שֶׁפָּחַד מן המידות המפורסמות לכל מי שגדל בעושר ובנחת, רצוני לומר הבעיטה והגאוה, ועזיבת הדעות האמיתיות,** פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ וגו' (עקב י, יב)**, ואמר** (האזינו לב, טו) וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט וגו'. ○ **ומפני זאת היראה צוה במקרא ביכורים בכל שנה לפניו יתעלה,** ולפני [מקום] שכינתו. וכבר ידעת גם כן חיזוק התורה לזכור המכות שחלו על המצריים תמיד, לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ וגו' (ראה טז, ג)**, ואמר** (בא י, ב) וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וגו'. ובדין היה לעשות כן בזה הענין, מפני שהם ענינים שמאמתים הנבואה והגמול והעונש, אם כן כל מצוה שמביאה לזכרון דבר מן הנפלאות, או להתמיד האמונה ההיא, כבר נודע תועלתה.

[כו] **ומהם בספר החינוך** שכתב במצות 'הבאת' ביכורים (מצוה צא)**:** משרשי המצוה, כדי להעלות דבר ה' יתברך על ראש שמחתינו, ונזכור ונדע כי מאתו ברוך הוא יגיעו לנו כל הברכות בעולם, על כן נצטוינו להביא למשרתי ביתו ראשית הפרי המתבשל באילנותיו. ומתוך הזכירה וקבלת מלכותו והודאתינו לפניו, כי הפירות וְיֶתֶר כל הטובה מאתו יבואו, נהיה ראויין לברכה ויתברכו פירותינו.

ושם במצות 'קריאת' ביכורים (מצוה תרו) כתב: משרשי המצוה, **לפי שהאדם מעורר מחשבותיו ומצייר בלבבו האמת בכח דברי פיו**, על כן בהיטיב אליו ה' ברוך הוא ובברכו אותו ואת אדמתו לעשות פירות, וזכה להביאם לבית אלקינו, **ראוי לו לעורר לבבו בדברי פיהו ולחשוב כי הכל הגיע אליו מאת אדון העולם, ויספר**

KolSatmar.com

איינרעדן אַז מ׳האָט באַקומען [אֶת] הָאָרֶץ מיט אייגענע כּוחות, [נאָר מ׳זאָל וויסן אַז אויף] דאָס דאַרף מען אָפּגעבן שֶׁבַח וְהוֹדָיָה פאַרן באַשעפער, מ׳האָט דאָך עס געגעבן [בתנאי של עבודת ה׳, וכדכתיב (תהלים קה, מד-מה) וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ] בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, [אַז] מ׳זאָל האָבן הַכְנָעָה פאַרן באַשעפער.

איבערדעם דאַרף מען דאָס ערשטע [מפירותיו] ברענגען [לַה׳, און] איבערדעם איז געווען די מצות קְרִיאָה וועגן דעם, ביי בִּיכּוּרִים.

### סח

ועל כן מצינו דאי אפשר להקרות ביכורים על ידי שליח, רק צריך שיקרא זאת הבעלים בעצמן, שהם יכולין לומר הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי ה׳. והטעם לפי האמור, כי עיקר המצוה שיבא האדם לידי הכנעה לה׳, וזהו על ידי הקריאה, ולכן לא שייך בזה סְתַם קריאה כקורא בתורה, דהמצוה הוא ההכנעה דייקא, ולכן צריך לקרות רק על ידי בעלי הפירות שיש להם חלק בארץ

ממילא ברויך מען דאָך עס צו זאָגן אויף זיך אַליין[כז], [צו] לויבן דעם באַשעפער [ולומר לפניו] הִגַּדְתִּי הַיּוֹם כִּי בָאתִי [אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה׳ לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ], דו האָסט עס מיר געגעבן.

און אַז מ׳זאָגט עס נאָר כְּקוֹרֵא בַּתּוֹרָה, קאָן זיין זאָגט מען עס נישט אויף זיך, זאָגט מען עס נישט אויף ׳דעם׳ זְמַן, ממילא האָט דאָס נישט די הַכְנָעָה.

### סט

מ׳דאַרף טאַקע ׳שפּירן׳ [אַז] מ׳איז דער ׳באַטרעפנדער׳ דערפון, אַז זֶה שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵין לוֹ[כח], [נאָר] אַלעס איז דעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳ס.

און אַז נישט, קאָן מען זיך איינרעדן מ׳מיינט נישט מיך, [אָדער] מ׳מיינט נישט דעם היצטיגן זְמַן.

איבערדעם זיך אַליין דאַרף מען געפונען אין דעם, אין דער הַכְנָעָה.

### ע

יעדע זאַך קאָן מען זאָגן, נאָר אָבער אַז מ׳שפּירט זיך נישט, און מ׳איז נישט צובראָכן ווען מ׳זאָגט עס, [האָט עס נישט דעם כֹּחַ].

### עא

אַזוי ווי מ׳זעט ביי תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים, [שנאמר על זה (ישעי׳ כט, יג) יַעַן כִּי נִגַּשׁ הָעָם הַזֶּה בְּפִיו וּבִשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי, וַתְּהִי יִרְאָתָם אֹתִי] כְּמִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה, אַז מ׳זאָגט און מ׳איז נישט דערביי, [וכן נאמר] וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ (תהלים עח, לו)[כט].

---

חסדיו יתברך עלינו ועל כל עם ישראל דרך כלל. ועל כן מתחיל בענין יעקב אבינו שחלצו הָקֵל מיד לבן, וענין עבודת המצריים בנו, והצילנו הוא ברוך הוא מידם, ואחר השבח מבקש מלפניו להתמיד הברכה עליו. ומתוך התעוררות נפשו בשבח ה׳ ובטובו, זוכה ומתברכת ארצו, ועל כן ציונו ברוך הוא על זה, כי חפץ חסד הוא.

[כז] דהבעלים עצמן צריכין לקרות, ואין יכול להקרות על ידי שליח, וכמבואר בדברי הגמרא בבא בתרא המובא לעיל (בהערה ט). ומקורו במשנה דביכורים (א, ה): הָאַפּוֹטְרוֹפּוֹס וְהַשָּׁלִיחַ וְהָעֶבֶד וְהָאִשָּׁה וְטוּמְטוּם וְאַנְדְּרוֹגִינוֹס, מְבִיאִין וְלֹא קוֹרִין, שֶׁאֵינָן יְכוֹלִין לוֹמַר אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי ה׳.

[כח] מלשון הפייטן ביוצרות ליום ב׳ דשבועות (אצל לא תחמוד): קָרוּץ מֵחֹמֶר מַה מוֹעִילוֹ, חוֹמֵד וּמִתְאַוֶּה אֶת שֶׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ. זֶה שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵינוֹ שֶׁלּוֹ, קִנְיָן שֶׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ לָמָּה זֶּה הוּא לוֹ. יָבִין וְיַשְׂכִּיל בְּדֵעוֹ וְשִׂכְלוֹ, יִשְׂמַח וְיָעוֹז בְּמַתַּת גּוֹרָלוֹ.

[כט] ועיין בזה בחובת הלבבות (יחוד המעשה פ״ה, ד״ה ואפשר שיכנס. וחשבון הנפש פ״ג, חשבון ט), ובספר חרדים (ט, יז), ועוד בכמה ספרים.

KolSatmar.com

אַז מ׳זאָגט דִּבּוּרִים און מ׳זאָגט נישט פונעם הארץ, מ׳שטעלט נישט זיך אַליין אַריין אין די דִּבּוּרִים וואָס מ׳זאָגט, אַז מ׳זאָל עס זאָגן מֵעוּמְקָא דְּלִבָּא, האָט עס נישט דעם כֹּחַ.

עב

[ולכן במקרא ביכורים], דעס קען מען נישט זאָגן אַזוי סְתָּם, כאדם הקורא בתורה, [נאָר דאָס] מוז מען זאָגן טאַקע דירעקט אויף זיך.

און דירעקט אויף זיך קאָן מען נישט זאָגן הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, וואָרן אַז מ׳האָט נישט [קיין קרקע] איז דאָך עס מֶיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא.

עג

אלא דאכתי צריך עוד ביאור, מה שאמר רב אשי על זה הלשון דהוא מיחזי כשיקרא, ולמה בכאן הוא נראה ׳כשקר׳, מכל הקורא בתורה פרשה זו בזמנה, או הקורא שאר פרשיות שבתורה, דהוא כלומד פרשה ואין בזה מיחזי כשיקרא

נאָר לכאורה וואָס איז די טייטש מֶיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא.

ממה נפשך, איז עס נישט אֱמֶת, איז דאָך עס טאַקע שֶׁקֶר. איז עס אליבא דאמת נישט קיין שֶׁקֶר, וואָרן מ׳קאָן עס זאָגן כְּקוֹרֵא בַּתּוֹרָה, [און ווייל] פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז מ׳האָט געגעבן, צי מ׳האָט ׳אַמאָל געהאַט׳ [קרקע], צי כדומה, אַז ס׳איז נישט קיין שֶׁקֶר, נו איז דאָך עס נישט מֶיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא אויך נישט, פאַרוואָס איז עס מֶיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא.

עד

נאָר וואָס׳זשע דען, דער אֱמֶת, פאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט קענען זאָגן [שהוא] כאדם הקורא בתורה, פאַרוואָס הייסט עס שֶׁקֶר, [והרי] מ׳זאָגט אַסאַך זאַכן אין די תורה [אף מה שאינו נוהג בפועל. ואם כן גם ביכורים אמאי לא יקראו], אַזוי ווי אונז, מ׳ליינט, ווי כ׳האָב פריער געזאָגט (באות סה). מ׳ליינט די פַּרְשָׁה [פון ביכורים] יעדעס יאָר, כאָטש מ׳האָט נישט גאָרנישט [קיין קרקע בארץ ישראל. ואם כן גם המביא ביכורים בספק] קאָן מען דאָך זאָגן כְּקוֹרֵא בַּתּוֹרָה.

מ׳האָט עס פריער געזאָגט שַׁבָּת [צופרי], מ׳האָט עס געליינט, איז עס נישט געוועזן קיין שֶׁקֶר, [און קיין] מֶיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא [ואף למי שבודאי אין לו קרקע בארץ ישראל. און] היצט [כשמביא ביכורים על הספק] אַז מ׳זאָגט עס, קאָן מען דאָך קלערן אפילו [על צד הספק, אַז] מ׳זאָגט עס אויף זיך [דשמא הקרקע היא שלו, ואם כן כל שכן שיהא יכול לקרוא הפרשה].

עה

ועל כן נראה הביאור בזה, דבאמת בכאן הוא יותר חמור להיות קורא לשם מצות ביכורים, בזמן שיש ספק שמא אין הענין אמת בו בעצמו, מה שהוא אומר הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי ה׳

נאָר דער אֱמֶת איז אָבער אַזוי.

ווייל מ׳ווייסט דאָך אַז בִּיכּוּרִים, צו דער הַכְנָעָה דאַרף מען עס זאָגן אויף זיך. און טאָמער איז עס נישט אֱמֶת, איז טאַקע נישט גוט. [ווייל] אַז מ׳זאָגט אויף שֶׁקֶר [שיש לו ארץ ישראל] דאָס איז זייער אַ הייקעל עִנְיָן, [ווייל אין די ווערטער] אֶת הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לָנוּ, אין דעם ליגט אַ גרויסע הַשְׁגָּחָה, [וכשאין האמת כן] איז עס שוין ווי אַן אַנדערע ענין.

KolSatmar.com

**עו**

ונקדים לזה מה שכתב הכלי יקר בביאור מה שכתב רש״י ריש בראשית, לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מֵהַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, שהיא מצוה ראשונה, ומה טעם פָּתַח בִּבְרֵאשִׁית, משום כֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם, שלא יאמרו אומות העולם לישראל ליסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים וכו׳

[ויובן זאת על פי וואָס] **איך האָב שוין געזאָגט וואָס דער כלי יקר טייטשט,** [בדברי רש״י ריש פרשת בראשית][ל] **לא היתה צריך התורה לְהַתְחִיל - אמר רבי יצחק - אלא מֵהַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, ומה טעם פָּתַח בִּבְרֵאשִׁית, משום כֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם** (תהלים קיא, ו), **שלא יאמרו** [אומות העולם] **לסטים אתם שכבשתם ארץ** [ז׳ עממין].

**עז**

ומפרש הכלי יקר, דבודאי צריך לכתוב מעשה בראשית בתורה, ומעשה האבות, אלא דהקושיא היה למה צריך ״להתחיל״ בזה, ולא במצות שנצטוו ישראל. ועל זה מתרץ, לפי שענין זה הוא יסוד לכל התורה, שאם יאמרו לסטים אתם בכבישת הארץ, דבר זה גורם כפירה בהשגחת ה׳, כי יאמרו לית דין ולית דיין וכל דאלים גבר, ולכן מתחיל התורה בזה

**זאָגט דער כלי יקר אַזוי**[לא]**, ער מיינט** [צו זאָגן]**, מ׳העט נישט גיווען געדאַרפט ׳אָנהייבן׳ די תורה** [ביי דעם, דהגם] **ס׳ברויך טאַקע צו שטיין** [ספר בראשית]**, אָבער דאָס ערשטע דאַרף זיך אָנהייבן מיט די מִצְוֹת.**

---

[ל] **ברש״י ריש פ׳ בראשית:** אמר רבי יצחק, **לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מֵהַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל, ומה טעם פָּתַח בִּבְרֵאשִׁית, משום כֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם, שאם יאמרו אומות העולם לישראל ליסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים, הם אומרים להם כל הארץ של הקב״ה היא, הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו, ברצונו נתנה להם, וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו.**

[לא] **בכלי יקר פרשת בראשית** (א, א)**:** אמר רבי יצחק, לא היה צריך להתחיל את התורה וכו׳, אלא כדי שלא יאמרו האומות לסטים אתם כו׳ (רש״י שם). **וקשה ומה בכך אם יאמרו לסטים אתם, וכי בעבור זה יְשַׁנֶּה סדר התורה.** ○ תשובה לזה, **לפי שדבר זה גורם כפירה בעיקר, כי יאמרו לית דין ולית דיין וכל דאלים גבר,** כי אילו היה לעולם מנהיג המסדר ענינו, מוצאו ומובאו, למה לא מיחה בכם כשלקחתם בזרוע דרך לסטיות ארצות ז׳ אומות. כי מטעם זה **לא נחתם גזר דינן של דור המבול כי אם בעבור הגזל,** כמו שאמר (משלי כח, כד) גּוֹזֵל אָבִיו וְאִמּוֹ וְאֹמֵר אֵין פָּשַׁע, חָבֵר הוּא לְאִישׁ מַשְׁחִית. כי מה שחטא זה גדול מזולתו, אינו בעבור עצם החטא, כי אם בעבור הרעה הנמשכת ממנו, שהחוטא בגזל לא ישים אשם בנפשו, ויאמר אין פשע, **כי אין אלקים שופטים בארץ,** ועל כן הוא חבר לאיש משחית, רצ״ל לדור המבול שנאמר בהם (נח ו, יב) כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ, **כי גם המה כפרו בעיקר,** ואמרו (איוב כא, טו) מַה שַּׁ-דַּי כִּי נַעַבְדֶנּוּ וגו׳. **וְזֶה הַחִלָּם, לַעֲשׂוֹת חמס וגזל בארץ.** ○ **ולפי שמניעת הגזל יסוד לכל האמונה,** על כן הקדימו הקב״ה והזהיר עליו במצוה ראשונה הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם (בא יב, ב) כי שם נאמר מִשְׁכוּ וּקְחוּ ׳לָכֶם׳ צֹאן (שם, כא), משלכם, להוציא הגזול, **כן פירש בעל הטורים.** וכן יצחק כשצוה להביא לו שני גדיי עזים אחד לעשות ממנו קרבן פסח, אמר וְצוּדָה לִּי צָיִד (תולדות כז, ג) **פירש רש״י מן ההפקר ולא מן הגזל.** ולפי שעשו לבבו לא כן ידמה, כי אם לצוד ציד להביא אפילו מן הגזל, על כן סבב הקב״ה שלא הביא כי אם יעקב שהיה נזהר בגזל. וכן שור שהקריב אדם הראשון אמרו רז״ל (עבודה זרה ח.) שהיה לו קרן אחד במצחו, להורות שלפי שהיה אדם הראשון קרן אחד, רצה לומר שהיה יחידי בעולם ולא היה גוזל משום בריה, על כן נתקבל קרבנו. **וכל זה כדי להרחיק הגזל והלסטיות, המביא לידי כפירה ואפיקורסות.**

ומה שאמר רבי יצחק **לא היה צריך להתחיל** כו׳, **אין הפירוש שלא יכתוב בתורה כלל כל הסיפור** שמבראשית עד החדש הזה לכם, **שהרי יש בו צורך גדול בסיפור חידוש העולם,** כי הוא מפרסם מציאות השם ית׳, וסיפור דור המבול מפרסם השגחתו ית׳ לשכר העונש, מלבד מה שנכתבו בו כמה מצות, אבר מן החי לנח, ומילה לאברהם, וגיד הנשה על ידי יעקב. **אלא שרצה לומר, מאחר שעיקר התורה למצותיה נתנה, אם כן היה לו ׳להתחיל׳ התורה במצוה ראשונה, וסיפור זה מבראשית עד החדש הזה לכם די בזה כשיקבענו בסוף התורה.** על זה בא כמתרץ ואמר, אילו היה כותב כן היה מעיקרא דדינא פרכא, והיה בזה נתינת יד לפושעים לפקור על התורה, ובקראו הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם כל שכן דפקר טפי ויאמרו ודאי משה בדא מלבו מצוה זו לי, איך יצוה ה׳ בו על הגזל באמרו מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם משלכם דווקא, והרי אתם לסטים כי לקחתם ארצות ז׳ אומות, ולא מיחה בכם ה׳, כי אולי לא יקרא התורה מראש ועד סוף. **על כן הוצרך להקדים סיפור חידוש העולם, להורות שלא על ידי לסטיות לקחו כי אם בצדק ובמשפט.** זה שאמר הכתוב (תהלים קיא ו-ז) **כֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם, מַעֲשֵׂי יָדָיו אֱמֶת וּמִשְׁפָּט נֶאֱמָנִים כָּל פִּקּוּדָיו.** כי עיקר הגדה זו שהגיד כח מעשיו לעמו, הכל היה כדי להורות שמעשה ידיו אמת ומשפט, שהתורה והלוחות מעשה אלקים, והצדיקים שנבראו בשתי ידים (מדרש

KolSatmar.com

[און אויף דעם] **זאָגט ער אַז ניין,** [ווייל] **אֱמוּנָה איז דער עיקר,** [און] **אַז ס'איז נישטאָ קיין אֱמוּנָה** [אין מקום לתורה. און] **וויבאַלד אַז מ'וועט קלערן דעם שכבשתם ארץ ז' עממין, אַז מ'האָט זיך אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גענומען אַליין, זעט דאָך אויס** [כאילו] **ס'איז נישטאָ קיין הַשְׁגָּחָה** [מלמעלה], **מ'קען זיך אַליין נעמען, און אַז ס'איז נישטאָ קיין הַשְׁגָּחָה קען מען נישט אָנהייבן ביי די מִצְוֹת,** [ווייל] **מִצְוֹת קען מען נאָר מְקַיֵּם זיין אַז מ'האָט אֱמוּנָה**[לב]**.**

**איבערדעם** [זאָגט רש״י] **לא היה צריך 'להתחיל' את התורה** [אלא מהחודש הַזֶּה לָכֶם, שהוא עיקר התחלת המצות]. **זאָגט ער ניין, איך מוז אָנהייבן ביי דעם, ווייל מ'זאָל נישט זאָגן לסטים אתם.**

[עד כאן דברי הכלי יקר].

### עח

וקשה מאי שנא זה מבכל גזילה וגניבה שבעולם, דלא מצינו שיאמרו על גזילה, שיש חשש שמזה יבואו לידי כפירה בהשגחה

[אמנם] **לכאורה, דאָס איז דאָך ביי יעדע גְזֵלָה אַזוי, ביי יעדע גזילה קען מען זאָגן** [כי] **אַז מ'קען זיך נעמען אַליין איז נישטאָ קיין השגחה.**

**פאַרוואָס גראָד**[לג] **ביי דעם** [אצל כבישת ארץ ז' עממין, חששו כל כך שאם יאמרו לסטים אתם, הרי דבר זה גורם לכפירה בהשגחה ח״ו].

### עט

וביארתי בזה, דבסתם גזילה ידוע הדבר שאף שיש השגחה פרטית, מ״מ הנהגת ההשגחה היא מסותרת בלבושים טבעים, ומן השמים אין רוצין להסיר הבחירה מבני אדם, ומי שבוחר בגזילה מניחין אותו מן השמים לעשות כבחירתו, ואחר כך כבר יסבבו לשלם להנגזל מה שמגיע לו, על ידי הרבה דרכים למקום

**נאָר קען אָבער זיין,** [ווייל ביי] **יעדע גְזֵלָה,** [ווייסט מען] **ס'איז פאַרהאַנדן אַ בַּעַל בְּחִירָה** [שמניחין אותו מן השמים לעשות כבחירתו הרע]. **אפילו ס'איז דאָ הַשְׁגָּחָה, פונדעסטוועגן לאָזט מען אַמאָל** [צי פאַר] **אַ בַּעַל בְּחִירָה** [להפק זממו, וכגון] **גזילה.**

**ס'שטייט**[לד] **אפילו** [ביי] **רְצִיחָה קאָן מען שוועער ניצול ווערן פון אַ בַּעַל בְּחִירָה.**

**נאָר וואָס'זשע דען, "יענער" האָט דעם עוֹנֶשׁ** [על הגזילה], **און דער בורא כל עולמים באַצאָלט "יענעם"** [להנגזל, את השפע שנגזר לו] **אויף אַן אַנדערן אופן.**

**עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתָיו יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ** [והרבה דרכים למקום].

### פ

**די הַנְהָגָה** [של הבורא] **יתברך שמו, אַלעס איז טאַקע בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית,**

---

תהלים קלט, ה), הכל בֶּאֱמֶת וּמִשְׁפָּט, שהוא מונע הלסטיות, וְנֶאֱמָנִים כָּל פִּקּוּדָיו, הפקודים אשר פקד ה' על ארצות ז' אומות, כי ברצונו יתברך נתנה להם, וברצונו יתברך נטלה מהם ויפקד המלך ה' פקידים אחרים עליה.

ולפי פשוטו, הוצרך להתחיל התורה מבראשית, לפרסם אמונת החידוש, כי זה יסוד לכל התורה כי לוּ הונח שהעולם קדמון אין מקום לקבלת התורה הבנויה על יסוד הבחירה, על כן הוצרך להניח היסוד תחילה.

[לב] **וז״ל רבינו בסעודת פורים תשי״ט** (לשון קדשו נה, אות א): [הנה אמרו חכמינו ז״ל (אבות ב, א) וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה. וכתב הרמב״ן ז״ל (סוף פ' בא) כי האמת הוא שאין בנמצא כלל מצוה קלה, כי כל מצוה שמקיים האדם] **טוט מען דאָך פאַרדעם ווייל מ'האָט אֱמוּנָה, און די גרעסטע מִצְוָה איז אֱמוּנָה, איז גאָרנישט פאַרהאַנדן קיין מִצְוָה קַלָּה. אַז מ'טוט אַ מִצְוָה, איז עס פאַרדעם ווייל מ'האָט אֱמוּנָה אין השי״ת,** [און] **אֱמוּנָה אין השי״ת איז די גרעסטע מִצְוָה, ס'איז נישטאָ קיין גרעסערס.**

[לג] **פירוש, דווקא.**

[לד] **בזוהר הק'** (וישב קפה.), **ואור החיים הק' וישב** (לז, כא).

KolSatmar.com

**פונדעסטוועגן איז עס אַ הַשְׁגָּחָה מְסוּתֶּרֶת** [המלובשת בטבעיים וביד בעלי בחירה, און] **קיין בְּחִירָה נעמט מען 'דאָך' נישט צי.**

[ועל כן] **איז דאָס נאָכנישט קעגן דער אֱמוּנָה, ביי** [סְתָם] **גְּזֵלָה.**

**פא**

אבל שונה הדבר במתנת ארץ ישראל אל בני ישראל, שהיא אֶרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ דֹּרֵשׁ אֹתָהּ, ויש בדבר זה השגחה יתירה יותר מבשאר דברים, ותלוי הכל רק ברצונו ית', דיש זמן שברצונו ניתנה הארץ בידי האומות, ויש זמן אשר 'ברצונו' נטלה מהם ונתנה לנו, ואין זה דבר התלוי בבחירה כשהוא מצד הקדושה. ואין אופן אחר בזה רק כשהוא מצד הסטרא אחרא, כשניתן כח להשטן לעשות כזה בכדי לנסות את ישראל, אבל אז הוא בדרך עונש מר, ולא בדרך מתנה

**אָבער מַתְּנַת הָאָרֶץ, דאָס איז בְּהַשְׁגָּחָה נִפְלָאָה** [ויתירה, שהיא] **אֶרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ דֹּרֵשׁ אֹתָהּ** (עקב יא, יב). [ולכן] **דעס קומט נאָר** [דורך] **איינס פון די צוויי** [וועגן], **אָדער מִצַּד הַקְּדוּשָּׁה** [בהשגחה עליונה], **אָדער חלילה פאַרקערט פון די סטרא אחרא,** [על דרך שאמר הכתוב] **כִּי מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם** (ראה יג, ד).

**דאָס קאָן מען זיך נישט נעמען 'אַליין'**[לה]**.**

---

[לה] **ועיין ענין זה בדברי רבינו גם בס"ג בראשית תשי"ט, וס"ג כי תצא תשכ"א.**

**וז"ל רבינו בזה בויואל משה** (א, מד-מה)**: וכתב הכלי יקר בפרשת בראשית וכו', יעיי"ש שהאריך טובא בזה. והנה מה שנראה מדבריו דכל מיני גזל הוי מינות וכפירה, בזה יש לפקפק, דידוע שהקב"ה מניח בעלי בחירה לעשות, וכן הוא בכל העבירות שהמה נגד רצונו יתברך שמו, ואעפי"כ הבחירה חפשית. אבל באותו המאמר שכתב זה על מה שאמרו לא היה צריך להתחיל את התורה, דמיירי שמה מכיבוש הארץ וחירות מן המלכיות, בזה דבריו צודקים מאוד. כי כיבוש הארץ וחירות מן המלכיות, הוא אך בידו של הקב"ה, ונשבע על ככה.**

וכבר הבאתי (בסימן יח) דברי חכמינו ז"ל (בראשית רבה מד, יח) שאמרו על הכתוב יָדֹעַ תֵּדַע [כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ] (לך טו, יג), יָדֹעַ שאני מפזרן, תֵּדַע שאני מכנסן, יָדֹעַ שאני משעבדן, תֵּדַע שאני גואלם. ○ ולכאורה יפלא מה שכפל הכתוב יָדֹעַ תֵּדַע להזהיר את אברהם אבינו ע"ה בפרטיות על אלו הענינים של גלות וגאולה וקיבוץ גליות, שידע שהוא מהקב"ה, הלא המאמינים יודעים שגם בשאר דברים כל הנעשה הוא מהקב"ה, והוא אחד מי"ג העיקרים לידע שהוא לבדו יתברך שמו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים. וכתב הרמב"ן בסוף פרשת בא (יג, טז) שאין לאדם חלק בתורת משה עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכולם נסים אין בהם טבע ומנהגו של עולם, בין ביחיד בין ברבים. וכן הרמב"ם ז"ל **באגרת תימן** פירש הכתוב (בחקותי כו, כא) וְאִם תֵּלְכוּ עִמִּי קֶרִי, דרצה לומר שיחשבו שיש מקרה בלא השגחה, וכן כתב גם **בספר המורה** (ח"ג פרק לו). ואם כן תימה מה שדרשו חכמינו ז"ל ביתורא דקרא דידוע תדע, דקאי בפרטיות על אלו הדברים של גלות וגאולה, לידע שהם מהקב"ה, כאילו ח"ו בשאר ענינים אינו כן.

אבל האמת הברור הוא, **דבשאר ענינים, אף שהכל הוא בהשגחה מכל מקום,** אמר הכתוב (ראה יד, כט) לְמַעַן יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל מַעֲשֵׂה יָדְךָ אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה, **שצריך שלא לישב בטל מלעשות.** גם אמרו (שבת לב.) אין סומכין על הנס, וכתב הרמב"ן בסוף פרשת עקב (יא, יג) וזה לשונו, ודע כי הנסים לא יעשה לטובה או לרעה רק לצדיקים גמורים או לרשעים גמורים, **אבל הבינונים כדרך מנהגו של עולם יעשה בהם,** טובה או רעה, כדרכם וכעלילותם, עכ"ל. ומה שכתב בפרשת בא שהכל נסים, הכוונה שאף המלובש בטבע הוא נסים נסתרים, **אבל צריך לעשות כמנהגו של עולם.** ○ מה שאין כן בעניני הגאולה, **צריך לידע שאך הקב"ה הוא העושה, ואין לנו רשות לעשות מאומה אלא תשובה ומעשים טובים, ולכן טרח הכתוב לומר על זה יָדֹעַ תֵּדַע שאין זה כשאר ענינים.**

**ואם רואים לפעמים איזה הצלחה בהלוקחים גאולה שלא כדת, אין זה אלא כמו הצלחת העבודה זרה,** שאמרו על זה בגמרא (עבודה זרה נה:) הבא לטמא פותחין לו. ונעשה להם אף נסים גדולים, כמו שאמר הכתוב (ראה יג, ג-ד) וּבָא אֵלֶיךָ הָאוֹת וְהַמּוֹפֵת וגו' כִּי מְנַסֶּה וגו' אֶתְכֶם. ועיין **בספר חסידים** (סימן תתרנד) שאדם רע מצליח יותר כשעושה רע, מבעושה טובה, כדי לטורדו מן העולם הבא. ועיין **מדרש תלפיות** (ענף הצלחה) שהאריך בזה, והביא שאם העוברים על החרם מצליחים, הוא כדי ליפרע מהם אף על ההצלחה.

**ובימי בן כוזיבא היה להם הצלחה נפלאה, כמבואר במדרשי חכמינו ז"ל** (איכה רבה פ"ב ד, וירושלמי תענית פ"ד ה"ה), **ונמשכה הצלחתם כ"א שנה, כמבואר בסדר הדורות** (ח"א, שנת ג"א תת"פ) **דמה שאמרו בגמרא** (סנהדרין צז:) שהיה שתי שנים ומחצה, כוונו על בן כוזיבא האחרון. ולבסוף אחר כ"א שנה היה אסון נורא רחמנא ליצלן והרג רב, מה שלא היה בכל החורבנות שהיה לפניהם (עי' סדר הדורות שם). **וברא"ש** מסכת ברכות פרק שלשה שאכלו (סימן כב) והובא גם **בבית יוסף** (או"ח סימן קפט) בברכת הטוב [והמטיב] דקאי על הרוגי ביתר, [הביא כי]

KolSatmar.com

**פב**

טאַקע פון אַ בַּעַל בְּחִירָה [קשה יותר להנצל], ס׳איז טאַקע שווערער פון אַ בַּעַל בְּחִירָה, [ווייל] מ׳לאָזט אַ בַּעַל בְּחִירָה, אָבער דאָס מוז האָבן אַ טַעַם.

אָדער [איז עס] **מִסִטְרָא דִקְדוּשָׁה**, ווען ס׳איז דער רָצוֹן הָעֶלְיוֹן, [והיינו רק באופן שהוא] **מיטן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה**, אַנדערש איז דאָך נישט פאַרהאַנדן [שיהיה מצד הקדושה].

אָדער [איז עס] **חלילה פאַרקערט, איז עס אַ ביטערער עוֹנֶשׁ**[לו], דעס וואָס ס׳קומט נישט מִסִטְרָא דִקְדוּשָׁה.

**פג**

ולכן כשמביא ביכורים אי אפשר לקרות אלו הפסוקים שאומר בהם שהאדמה ניתנה לו, אלא כשהוא אמת לאמיתו שיש לו חלק בנחלת הארץ, ואין צד ספק בדבר. כי בענין מתנת הארץ הדבר חמור ביותר אם מייחסו האדם לעצמו בזמן שאינו אמת

**איבערדעם איז דאָס זייער הייקעל מ׳זאָל זאָגן** [אל הארץ אשר נשבע] **לָתֶת ׳לָנוּ׳**, [כשאינו אמת לאמיתו]. **האָט מען מַקְפִּיד געווען אפילו אויף סָפֵק** טאָמער האָט ער יאָ אַ קרקע, [אבל כל שיש סָפֵק שמא אין לו קרקע] **האָט מען נישט געוואָלט מַרְגִיל זיין מ׳זאָל קענען זאָגן לָתֶת לָנוּ אויף שֶׁקֶר.** [ווייל] **׳טאָמער׳ עַל פִּי הֲלָכָה** אַז ער האָט נישט [שאין הקרקע שלו], **אַז ס׳איז נישט עַל פִּי הֲלָכָה** [הקרקע שלו, בדרך התורה], **טאָר מען עס נישט זאָגן**, אפילו ער האָט דאָס נישט געמיינט, ער האָט געמיינט [להיות קורא בתורה] אַזוי ווי פסוקי התורה, [צ״ו] ער האָט געוואָלט ברענגען בִּיכּוּרִים און ער האָט געוואָלט זאָגן **פאַרן אייבירשטען די פְּסוּקִים, די הייליגע פְּסוּקִים, נאָר ׳טאָמער׳ איז אָבער נישט אֱמֶת דער ׳לָתֶת לָנוּ׳, טאָר מען עס נישט זאָגן.**

[ואפילו באופן] ס׳איז נאָר **׳מְיַחֲזֵי׳ כְּשִׁיקְרָא**, [שהרי] ער האָט דאָס נישט געמיינט, [און] **ס׳איז דאָך נישט בְּעֶצֶם קיין שֶׁקֶר, אַז ס׳איז אָבער נאָר ׳מְיַחֲזֵי׳ כְּשִׁיקְרָא, טאָר מען עס אויך נישט זאָגן**, [ווייל] **ביי דעם איז זייער האַרב.**

איבערדעם האָט מען מְבַטֵּל געווען [געווען מִקְרָא בִּכּוּרִים, במקום סָפֵק].

**פד**

**ישוב קושיא א – בסוגיא דקנין פירות**

מכיון שתכלית מצות ביכורים הוא שיבא לידי הכנעה לה׳, וזהו נעשה בעיקר על ידי קריאת הפסוקים האלו, על כן בשעה שמביא ׳ואינו קורא׳, נחסר גם מתכלית מצות ׳ההבאה׳. ולכן אמרו על זה בגמרא הלשון **לא** משכחת ׳דמביא׳ ביכורים, אף כשהמדובר הוא רק על ׳הקריאה׳

[ובזה יבואר גם הלשון] **לא משכחת ׳דמייתי׳ בִּיכּוּרִים**, [אף שהכוונה רק] **ווייל מ׳איז נישט ׳קורא׳.**

[דהנה] **דער תַּכְלִית פון בִּיכּוּרִים איז דאָך נאָר וועגן די הַכְנָעָה** [שעל ידי הקריאה], **אַזוי ווי דער רמב״ם זאָגט דאָך** [דמקרא ביכורים הוא] **וועגן הַכְנָעָה.** [און] **אַז מ׳קען נישט קוֹרֵא**

---

אמרינן בירושלמי כשנחרבה ביתר נגדעה קרן ישראל ואינה עתידה לחזור עד שיבוא בן דוד, ולכך סמכוה אצל בונה ירושלים. והנה אנשי ביתר היו צדיקים גמורים כאשר הבאתי למעלה (בסימן לט), ונגדעה על ידם קרן ישראל, כי מעשה דחיקת הקץ לפני זמנו רע ומר יותר מכל העבירות ואפילו החמורה שבחמורות שבכל התורה כולה. ולכן הזהיר אותנו הכתוב לידע זה בידיעה ברורה, שאם בזה לוקחין מעצמם שלא כדת, הוי ודאי מינות וכפירה גמורה רחמנא ליצלן. ○ ושפיר מפרש בזה הכלי יקר, שאי אפשר להתחיל התורה טרם שיהיה לנו ידיעה ברורה בזה.

[לו] ומה שהזכיר רבינו לעיל דהוא על דרך הכתוב כִּי מְנַסֶּה ה׳ אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם, עיין באבן עזרא שם שגם זה הוא בדרך עונש, עבור שעזבו ולא המיתו אותו. ועיין בזה באורך בויואל משה (א, מו. ובהקדמה ריש עמוד ח).

KolSatmar.com

**זיין, ממילא איז דאָך נישטאָ דעס הִתְעוֹרְרוּת פון דער הַכְנָעָה, און די גאַנצע בִּכּוּרִים האָט עס שוין נישט 'דעם' כֹּחַ, איבערדעם** [שטייט דער לשון, דבכהאי גוונא] **איז לא משכחת 'דמייתי' בִּיכּוּרִים** [כראוי] **ווייל ער קען נישט 'קוֹרֵא' זיין.**

פה

ואין לומר עצה בכהאי גוונא דגם 'יקרא' מספק, כדי שיהיה מצות 'ההבאה' בשלימות. כי בענין זה אסור לקרות על צד הספק, מטעם האמור לעיל

און ווידער [לומר שיהיה גם קורא, הרי] **אויף סָפֵק קען מען נישט קוֹרֵא זיין, טאָר מען נישט זאָגן לָתֶת לָנוּ.**

אפילו [אַז] **אַן אַנדערס מאָל** [בשאר פרשיות התורה, אפילו] **אַז מ'ווייסט זיכער אַז ס'איז נאָר בדרך קריאה** [ואין זה מתקיים אצלו בפועל], **זאָגט מען דאָך עס יאָ. אָבער דעמאָלטס** [בשעת הבאת ביכורים], **ווייל די ציוּוּי איז דאָך געווען** [אַז] **מ'זאָל עס זאָגן אויף זיך אַליין, מ'זאָל זיך געפונען דעריין, און טאָמער איז נישט אַזוי בפועל, ס'איז נישטאָ דער הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה,** [און דער] **לָתֶת לָנוּ, מ'קען נישט זאָגן** [ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי] **הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה 'לִי', אַז מ'קען דאָס נישט זאָגן, אפילו אויף סָפֵק און ס'איז נאָר 'מֵיחֱזֵי' כְּשִׁיקְרָא, טאָר מען עס אויך נישט זאָגן אַז דו האָסט מיר געגעבן,** [מחשש] **טאָמער האָסטו נישט געגעבן** [דאז הוא ככפירה בהשגחה].

פו

ואתי שפיר דברי הכלי יקר, שלכן צריך התורה 'להתחיל' בבראשית ברא, כי ענין זה לידע שמתנת הארץ הוא רק בהשגחה וברצונו ית', בזה תלוי יסוד האמונה, ויסוד קיום כל התורה, ולכן ראוי להתחיל בה את התורה

[ווייל] **דאָס איז דער יְסוֹד פון דער אֱמוּנָה,** [און] **ס'איז דער יְסוֹד פון קִיּוּם כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ,** [שאין ליקח את הארץ מעצמו. ואתי שפיר דברי הכלי יקר דלכן הוצג ענין זה בתחלת התורה, ווייל] **מ'קען גאָרנישט 'צוקומען' צו די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אָן דעם.**

פז

# ישוב הקושיות בפרשת בִּיכּוּרִים

## הקדמה לישוב קושיא ב

לפי האמור מצאנו טוב טעם, למה לא תקנו חכמים שום קריאה ואמירה בזמן הזה בענין הביכורים, כדי שיעלה במקום מצות ביכורים, וגם לא מצינו שום נוסח יהי רצון על ענין ביכורים, כדרך שאומרים לאחר קריאת פרשת הקרבנות או המשנה שבענין קרבנות, שמתפללין שיתקיים הענין של וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ

**איבערדעם קאָן זיין** [טעם נכון, פאַרוואָס] **מ'געפינט טאַקע נישט אין ערגעץ** [קיין יהי רצון אויף ביכורים].

**אויף אַלע קָרְבָּנוֹת האָט מען געמאַכט** [אַז] **מ'זאָגט יְהִי רָצוֹן כְּאִלּוּ הִקְרַבְתִּי** [ואפילו על צד הספק][לז].

[ווי] **זיי פלאָגן זיך**[לח] **וויאַזוי מ'קען זאָגן** [היהי רצון לאחר קריאת משנת חטאת ואשם (או

---

[לז] וכמו שתקנו לאחר משנת חטאת ואשם שבפרק איזהו מקומן, לומר עכ"פ בדרך ספק, יהי רצון **'אם נתחייבתי חטאת'** [או אשם] **תהא אמירה זו מרוצה לפניך כאילו הקרבתי חטאת** [או אשם]. **וכנדפס הנוסח בסידורים.**

[לח] עיין בזה באורך **בשלחן ערוך** (או"ח א, ז) **וב"ח** (שם) **ומגן אברהם** (שם, יא) **ובאר היטב** (שם, יג), **ובשערי תשובה** (שם) **בשם התבואות שור** (סימן ה ס"ק ח-ט, ובכור שור ברכות יב. בסדר הקרבנות סעיף ד).

KolSatmar.com

פרשת חטאת ואשם), והלא] ס'איז דאָך [ווי] **חולין בעזרה** [באם אינו חייב חטאת או אשם. והתירוץ דלכן] **זאָגט מען אויף אַ סָפֵק, וְאִם לַאו יְהֵא נֶחְשָׁב כְּאִלּוּ לָמַדְתִּי מִשְׁנָה**[לט] זאָגט מען אַלץ [צ"ל, לאחר חטאת ואשם].

[אָבער] **אויף בִּיכּוּרִים** געפינט מען נישט אין ערגעץ [שתקנו לומר איזה אמירה במקום ההקרבה], נאָר וואָס מ'ליינט אין די פרשה [בפרשת כי תבוא] ווען ס'איז דער זמן פון די קריאה [בתורה], אָבער מ'זאָל זאָגן בִּמְקוֹם הַקְרָבָה, מ'זאָל זאָגן ס'איז ווי גלייך כ'האָב געברענגט, דאָס שטייט נישט אין ערגעץ.

**פח**

אבל לדרכינו ניחא, כי בענין מצות ביכורים, צריך שיהא ענין נתינת הארץ מתקיים אצלו בפועל ואי אפשר לקיים זאת על דרך וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ, כי יש בה חשש חמור של מיחזי כשיקרא בענין נתינת הארץ, שהוא ענין של כפירה ח"ו בהשגחת ה' בענין נתינת הארץ, ובענין גאולתן של ישראל התלוי בזה

[ולדרכינו אתי שפיר, ווייל] **דאָס איז טאַקע פאַרדעם.**

**וואָרן אפילו ווען מ'האָט געברענגט** [בזמן המקדש על צד הספק] **האָט מען דאָך אויך די קְרִיאָה נישט געטאָרט זאָגן, וועגן מֵיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא.** [וממילא אם באנו לקרות במקום ההבאה] **קאָן דאָך די קְרִיאָה אַליין נישט זיין אַזוי ווי ס'ברויך צו זיין, וואָרן אפילו דעמאָלטס אַליין אַז ס'איז נישט געווען קיין 'זיכער'** [ביכורים] **האָט מען נישט געקענט זאָגן.**

**איבערדעם אַלע קָרְבָּנוֹת קען מען זאָגן** [די פרשה] **בִּמְקוֹם** [ההקרבה ממש], **מ'זאָל זיך געפונען דערינען, איך בין מְחוּיָּב אַ קָרְבָּן און** [יהא נחשב כאילו] **איך ברענג. מ'האָט נישט מוֹרָא געהאַט פאַר מֵיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא,** [רק אדרבה נאמר בזה תקנת] **וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ**[מ].

[מה שאין כן בביכורים], **דעמאָלטס** [איז אַז] **אפילו ווען מ'האָט יאָ געברענגט די ביכורים,** [אָבער] **אַז ס'האָט נאָר געפעלט דער הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי האָט מען נישט געטאָרט זאָגן, קען מען דאָך די קְרִיאָה נישט זאָגן**[מא], **קען מען דאָך עס נישט זאָגן, קען דאָך די קריאה** [במקום העשייה] **נישט זיין ווי ס'קער צו זיין, ממילא** [במצוה זו] **קען נישט זיין דער וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ, וואָרן ס'פעלט דאָך די קְרִיאָה.**

**און די קְרִיאָה האָט מען דאָך נישט געטאָרט זאָגן, ווען ס'איז נישט געווען**

---

[לט] כן הוא הנוסח בסידור **תפלה ישרה וכתר נהורא** [ורבינו היה דרכו להתפלל בזו הסידור], שבתוך היהי רצון דלעיל נוסף שם בסופו הנוסח: **וְאִם לַאו יְהֵא נֶחְשָׁב כְּאִלּוּ לָמַדְתִּי מִשְׁנָה.**

[מ] וכמבואר **בתנחומא** צו (סימן ו): אמר הקב"ה, מי שיש לו פר יביא פר, מי שיש לו איל יביא איל, ומי שיש לו שה יביא שה, ומי שיש לו יונה יביא יונה, ומי שאין לו אחד מכל אלו יביא סולת, ומי שאין לו סולת **ולא כלום, יביא דברים**, שנאמר (הושע יד, ג) **קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'**. ותאמר שהוא מקובל, אמר הקב"ה הן, **נְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ** (שם).

**ובשיר השירים רבה** (פ"ד, פסוק ג אות ו): אמרו ישראל לפני הקב"ה, רבש"ע אין לנו לשון זהורית ושעיר המשתלח, אמר להם **כְּחוּט הַשָּׁנִי 'שִׂפְתֹתַיִךְ'** (שיר השירים שם), רחישת פיך חביבה עלי כְּחוּט הַשָּׁנִי של זהורית. ר' אבהו אמר עלה, **וּנְשַׁלְּמָה פָרִים 'שְׂפָתֵינוּ'**, מה נשלם תחת פָּרִים ותחת שעיר המשתלח, **'שְׂפָתֵינוּ'. וּמִדְבָּרֵךְ נָאוֶה** (שם), מדברתיך **יָאֲיָא.**

וגוף הענין דכל העוסק בתורת קרבן כאילו הקריב קרבן, מבואר **בגמרא מנחות** (ק.). ועיין עוד **בגמרא תענית** (כז:) **ומגילה** (לא:) שכן הבטיח הקב"ה לאברהם.

[מא] דאף שיכולין לקרות פסוקי מצות 'ההבאה', אבל לא יוכל לקרות פסוקי 'הקריאה', בשעה שקורא זאת להיות במקום המצוה עצמה.

KolSatmar.com

בפועל. ממילא קען מען דאָך דאָס נישט זאָגן בשלימות, אַזוי ווי מ'זאָגט ביי [אַנדערע] קָרְבָּנוֹת, וואָרן דער וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ פעלט אויכעט[מב].

**פט**

**ישוב קושיא ב**

בשאר קרבנות יכולין להשלים מצותן בזמן הזה על ידי קריאת הפרשה ושינון מצותה, משא"כ בביכורים שאי אפשר להשלימה בדרך ונשלמה פרים שפתינו, מטעם האמור. ולכן שפיר אמרו דביכורים עתידין 'ליפסק', יותר מבשאר קרבנות

**איבערדעם איז רעכט.**

**איבערדעם זאָגט דאָס דער מדרש [שראה משה] ס'וועט זיין אַ חורבן בית המקדש 'וביכורים' עתידין ליפסק.**

**[ווייל] אַנדערע זאַכן קען מען זאָגן [אף בזמן החורבן] און מ'האָט נישט מורא פאַר מֵיחֱזֵי כְּשִׁיקְרָא, ביי קָרְבָּנוֹת און כדומה.**

**אָבער ביי בִּיכּוּרִים [וואָס] מ'דאַרף זאָגן הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לָנוּ קאָן דאָך די קְרִיאָה נישט זיין בשלימות, [ולכן לא תקנו אמירה במקום עשייה], איבערדעם איז 'בִּכּוּרִים' עתידין ליפסק.**

**צ**

**ישוב קושיא ב**

ולזה אמרו דמ"מ עצם הג' תפילות הם כתשלומין במקום ביכורים, כי הלא כל עיקר תכלית הביכורים הוא כדי שיבא האדם לידי הכנעה לה', ובהג' תפילות גם כן עיקר מצותן שיהיה התפילה בכוונת הלב ולהכניע לבו לה', ונמצא שאף כי 'זמני' הג' תפילות נתקנו כנגד התמידין, אבל 'תכלית' הג' תפילות הוא כדי להשלים אותה התכלית עצמה של מצות ביכורים

**נאָר וואָס'זשע דען, דער תַּכְלִית פון בִּיכּוּרִים איז געווען די הַכְנָעָה.**

**[און] די תְּפִלּוֹת, אַז מ'זאָגט אֶמֶת'דיג תְּפִלּוֹת פאַרן באַשעפער, דאָס אַליין איז אַ מְקוֹר פון הַכְנָעָה.**

**'די' אידן וואָס זענען אֶמֶת'דיג מִתְפַּלֵּל צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, [די] ווייסן דאָך אַז מִבַּלְעָדֶיךָ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ גּוֹאֵל וּמוֹשִׁיעַ אֶלָּא אָתָּה[מג], ווייסט מען אַז נאָר דער בורא כל עולמים קען העלפן, [און] 'דאָס' איז די רעכטע הַכְנָעָה[מד].**

---

[מב] ולכן לא תקנו לקרות אף חלק הפסוקים של 'ההבאה', כיון שאי אפשר לקרות כל הפרשה כולה. ועוד דעיקר תכלית המצוה הם הפסוקים של מקרא ביכורים, שבזה טמון גודל ההכנעה לה', וכמבואר לעיל.

[מג] מנוסח תפלת נשמת כל חי: וּמִבַּלְעָדֶיךָ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ גּוֹאֵל וּמוֹשִׁיעַ פּוֹדֶה וּמַצִּיל וּמְפַרְנֵס וְעוֹנֶה וּמְרַחֵם בְּכָל עֵת צָרָה וְצוּקָה, אֵין לָנוּ מֶלֶךְ עוֹזֵר וְסוֹמֵךְ אֶלָּא אָתָּה.

[מד] **וז"ל החובת הלבבות** (חשבון הנפש פ"ג) בזה: **וראוי לך אחי שתדע, כי כוונתנו בתפילה אינה כי אם כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ אל האלקים, וכניעתה לפניו, עִם רוממותה לבוראה וְשַׁבְּחָהּ והודאתה לשמו, והשלכת כל יהביה עליו.** ולפי שהיה כבד על הנפש לזכור כל זה בלי חיבור וסדר, סידרו רבותינו זכרונם לברכה הענינים שצריכים להם רוב כיתות בני אדם, הנראה חסרונם בהם אל האלקים וכניעתם בעבורם, והם עניני התפילה על סדר ותיקון, **שתקבל בה הנפש פני בוראה, ולא תבוש בהתנפלה, וייראה ממנה בסדרה מעניני התפילה בלבה הכניעה והשפלות לאלקים.** ○ ולפי שהיתה מחשבת הלב מתהפכת הרבה, ואין לה קיימה למהירות עבור ההרהורים על הנפש, היה קשה עליה לסדר עניני התפילה מעצמה, תיקנו אותם רבותינו זכרונם לברכה במלים מתוקנות יסדרן האדם בלשונו, מפני שמחשבת הנפש הולכת אחר המאמר, ונמשכת אל הדיבור. והיתה התפילה מלות וענינים, והמלות צריכות אל הענין, והענין אינו צריך אל הדיבור, כשאפשר לסדרו בלב, **אשר הוא עיקר כוונתנו**, ועליו משען מגמתנו. הלא תראה מה שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה (ברכות כ:) בעת הדחק, בעל קרי מהרהר בלבו ואינו מברך לא לפניה ולא לאחריה, והתירו לקצר בעניני התפילה בתפילה קצרה. ואילו היו המילים עיקר התפילה, לא היה מותר לנו לקצרן בשום פנים. ○ על כן תַּקֵּן אחי עניני תפילתך בלבך, והשווהו עם דיבורך, וכוון

KolSatmar.com

**צא**

**ובזה יובן גם מה שמביא התנחומא על ענין הג׳ תפילות, דייקא את הפסוק**

**בּוֹאוּ נִשְׁתַּחֲוֶה, וְנִכְרָעָה, נִבְרְכָה. לפי שג׳ לשונות אלו הם כולם של הכנעה לה׳**

**איבערדעם רופט ער אָן** [בהפסוק] (תהלים צה, ו) **די תְּפִלָּה אַלעס בלשון הַכְנָעָה, די ג׳ תְּפִלּוֹת.** [ולזה אמר הכתוב בּוֹאוּ] **נִשְׁתַּחֲוֶה, וְנִכְרָעָה, נִבְרְכָה, זאָגט ער דריי מאָל** [ג׳ לשונות של הַכְנָעָה, ווייל] **די ג׳ תְּפִלּוֹת איז אַלעס ׳הַכְנָעָה׳.**

[ונמצא] **ס׳איז די זעלבע זאַך וואָס דער רמב״ם זאָגט אויף בִּיכּוּרִים, אַז ס׳ווייזט אויף הַכְנָעָה, איבערדעם זענען די ג׳ תְּפִלּוֹת בִּמְקוֹם בִּיכּוּרִים, ס׳זאָל ברענגען הַכְנָעָה עֲצוּמָה.**

**צב**

**ולענין מצב דורינו:**

**הגם וויאַזוי ס׳איז אין ׳דעם׳ דוֹר** [דער ענין פון תפילה בהכנעה]**.**

**ווי דער חתם סופר טייטשט דאָך**[מה] [במאמר המשנה][מו], שביום התענית דרשו כי] **לֹא הַתַּעֲנִית וְהַשַּׂק גּוֹרְמִים אֶלָּא תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.**

---

בהם כוונה אחת לאלקים, וּפַנֵּה גופך מכל תנועותיך, וּקְשׁוֹר חושיך ורעיוניך מהתעסק בדבר מדברי העולם עם התפילה. הַקְשֵׁה במה שאתה עושה למלכך, כשאתה מתעסק בהודאתו ושבחו וסיפור טובותיו, עם סכלותו במצפונך, כל שכן הבורא יתעלה, המשקיף על גלוייך ומצפונך, ונסתרך ונראך. ○ ומן התימה, שהתפילה אצלך אמונת הבורא ופקדונו, כי מסר בידך ענינה ונתנה ברשותך, לא ישקיף עליה זולתו. **ואילו תתפלל אותה כמו שציוה הבורא יתברך, יצאת ידי חובת האמונה, ויקבלנה ממך הבורא וכו׳.**

[מה] **בדרשות חתם סופר, ח׳ תמוז תקס״ט** (ח״ב עמוד דש בדפו״י)**: אמרו חז״ל בסדר תעניות** (תענית טז.) **הזקן שבהם עומד ואומר לפניהם דברי כבושים, אַחֵינוּ, לא השק והתענית גורמין, אלא תשובה ומעשים טובים. וצריך עיון,** אי נימא דשק ותענית אינם נחשבים לכלום, אם כן למה באו, והלא כל הגדולים תפסו בשק ותענית. ואי מועילים רק שאינם העיקר, אם כן לא הוה ליה למימר שאינם גורמין, אלא [כי] אין השק והתענית עיקר, אבל עכ״פ מידי גרמא לא נפקו. גם יש לדקדק מאי טעמא אמר [הלשון] **דברי כבושים,** שהוא לשון דבר שנכבש, ובכל דוכתי קורא ליה **דברי אגדה,** שמושך לבו כאגדה ואינו כובש (כחגיגה יד.), כי כובש הוא ההיפך ממושך כמעיין, כידוע, וצריך עיון לכאורה.

ויש לומר דהנה בנוהג שבעולם, **כשהשנים כתיקונן ואין שטן ופגע, ואיש תחת גפנו ותאנתו, ואדם עורר לבו בזמן מן הזמנים להתבודד לעבודת ה׳,** אז מקבל עליו להתענות יום אחד, ולמעט מכבוד מלבושיו, כמו בראש השנה ויום כיפור [שלובשים] במלבושי מתים, כדי להכניע לבבו המלא כל טוב, ועל ידי זה יכנע וישוב אל ה׳. **נמצא השק והתענית הם גורמים תשובה ומעשים טובים. אמנם בעת אשר צרה מוצאת רחמנא לצלן, ולב אנשים עליהם דוי בלאו הכי, אין צורך להלביש שק וקדרות כדי להכניע הלב,** שהרי בלאו הכי נכנע ועומד הוא, וכמו שכתב מגן אברהם (סימן תעב) דמשום הכי האבל אינו לובש הקיטל, שבלאו הכי לבו נכנע. וכן אין צורך להכניע לבו **בתעניתים,** כי גם מאכל כל אדם לא ערב לו. **אלא תשובה ומעשים טובים ממילא אתיין,** ועל ידי זה שמפשפש במעשיו יגרום שיקבל עליו לעת כי ירויח [לו] ה׳, יתענה כך וכך תעניות על חטא פלוני, וישנה מלבושי הגאוה והגאון שלו. **נמצא בשעת הרווחה אזי התענית והשק גורמין התשובה ומעשים טובים, ובעת צרה נהפוך הוא, כי תשובה ומעשים טובים גורמין תענית ושק.** ○ וכן לענין הדורש דברי מוסר ברבים, כי בעת הרווחה צריך הוא להמתיק הדברים ולהסביר למשוך לבות השומעים, ומשום כן נקרא **אגדה,** המושכים לבו של אדם המלאה לה שמחה וגיל, לעוררה לשוב אל ה׳. אך **בעת צר,** הלא לבותם מלאות עינים להם לראות נגעי עצמם, וצרתם נכבשת בתוך לבותם, ואינו צורך להמשיכם, רק לעוררם במעט דברים, והם ישובו מאליהם, כי לכך באו.

ונבוא אל המכוון בעזה״י, דאמר ביום צרת גשמים או כל צרה שלא תבוא על הצבור, אז הזקן אינו צריך לומר לפניהם דברים המושכים לבם כאגדה, אלא רק **דברי כבושים.** ומה הוא אומר, **אחינו לא התענית והשק גורמין** היום לעשות מעשים טובים ותשובה, **אלא נהפוך היא, שהתשובה ומעשים טובים** הם יגרמו תענית ושק, שנקבל על עצמנו למעט מהנאתינו חלף עוונותינו, ויהיה זה פדיון נפשינו. ○ ואנן מה נענה, הלא עוונתינו רבו עברו ראשינו, בושנו ונכלמנו להרים פנינו ולהתודות על כל פרט, יכלה הזמן וכו׳. על כן כל איש ילבב, יראה להתחרט על כל עוונותיו, ויגדור גדרים בעד עצמו, ויקבל עליו לעשות תקונים כראוי על העבר, ולתת שמירה

KolSatmar.com

ס׳איז פאַרהאַן אַמאָל ווען אידן זענען בְּרוּם הַמַּעֲלָה, ס׳גייט גוט, מ׳שטייט אויף אַ גוטן מַצָּב, [און] ס׳איז נישטאָ קיין צָרוֹת אויף דער וועלט, מ׳שטייט גוט בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, ממילא אַז מ׳וויל האָבן אַ צובראָכן האַרץ, ברויך מען האָבן תַּעֲנִית וְשַׂק אַז מ׳זאָל זיך צוברעכן דאָס האַרץ, ס׳זאָל ברענגען צו תְּשׁוּבָה.

אָבער ווען ס׳איז אַן עֵת צָרָה הִיא לְיַעֲקֹב (ירמי׳ ל, ז), אידן זענען אַזוי צובראָכן, ברויך מען נישט קיין תַּעֲנִית וְשַׂק אַז דאָס זאָל ברענגען מ׳זאָל האָבן אַ צובראָכן האַרץ און מ׳זאָל האָבן הַכְנָעָה. [נאָר] גאָר פאַרקערט, די תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים ברענגען דעם תַּעֲנִית וְשַׂק.

איבערדעם זאָגט ער [במשנה וגמרא, דביום תענית אומר להם הזקן] אַחַי וְרֵעַי, עטס זאָלט וויסן אַז לֹא תַּעֲנִית וְשַׂק גּוֹרְמִים, אַז נישט דער תַּעֲנִית וְשַׂק ברענגען די תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, נאָר פאַרקערט, די תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים קאָנען ברענגען דעם תַּעֲנִית וְשַׂק.

אַזוי טייטשט דער **חתם סופר**.

**צג**

איבערדעם איז דאָך אַמאָל פאַרהאַנדן [אַז] די הַכְנָעָה איז גאָר אַן עַצְמִיּוּת.

אָבער וואָס׳זשע דען, ס׳איז אָבער אַזוי ווייט דער טִמְטוּם הַלֵּב אין די גרויסע הַסְתָּרָה, [אַז כאָטשיג] מ׳איז ׳צובראָכן׳ און ׳צוקרישעט׳ יעדערער עקסטער, פונדעסטוועגן אַז מ׳זאָל האָבן טאַקע הַכְנָעָה פאַרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מ׳זאָל זיך מְבַטֵּל זיין פאַרן באַשעפער, מ׳זאָל אֱמֶת׳דיג האָבן בִּטָּחוֹן אין בּוֹרֵא עוֹלָם, מ׳זאָל וויסן אַז נאָר דער דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה [איז אַלעס], צו דעם קומט מען ווייטער שווער צי, [און] אפשר נאָך שווערער ווי פריער [בדורות הקודמים].

וואָרן דער גרויסער כֹּחַ [המטמטם הלבן], די כּוֹחוֹת הַיֵּצֶר און דער כֹּחַ הַטּוּמְאָה וואָס איז שׁוֹלֵט בָּעוֹלָם, דאָס אַליין[מז] קער אויך צו די גרויסע נִסְיוֹנוֹת.

**צד**

אָבער על כל פנים זענען די ג׳ תְּפִלּוֹת איז דאָך עס טאַקע [להכנעה במקום מצות ביכורים].

**צה**

**ישוב קושיא א**

איבערדעם קאָן זיין וואָס ס׳שטייט ׳וְהָיָה׳ כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ. וואָרן דאָ איז נישט גענוג [לומר רק] **כִּי תָבוֹא**.

---

על העתיד לבוא. ובמעמד הנבחר הזה אשר נקבצו כולם בבית ה׳ לשוב אליו ולבקש רחמים ותחנונים לפניו, יערב לפני ה׳ אלקינו שיחותינו ורנתינו, וישוב מחרון אפו וְלֹא נֹאבֵד ח״ו.

[מו] במשנה תענית (טז.): סדר תעניות כיצד, מוציאין את התיבה לרחובה של עיר וכו׳, הזקן שבהן אומר לפניהן דברי כבושין, אַחֵינוּ, לא נאמר באנשי נינוה וַיַּרְא אֱלֹקִים ׳אֶת שַׂקָּם וְאֶת תַּעֲנִיתָם׳, אלא וַיַּרְא הָאֱלֹקִים ׳אֶת מַעֲשֵׂיהֶם׳ כִּי שָׁבוּ מִדַּרְכָּם הָרָעָה (יונה ג, י), ובקבלה הוא אומר (יואל ב, יג) וְקִרְעוּ לְבַבְכֶם וְאַל בִּגְדֵיכֶם וכו׳.

ובגמרא שם (טז.): הזקן שבהן אומר לפניהן דברי כבושין. תנו רבנן, אם יש זקן אומר זקן, ואם לאו אומר חכם, ואם לאו אומר אדם של צורה וכו׳, אַחֵינוּ, לֹא שַׂק וְתַעֲנִית גּוֹרְמִים, אֶלָּא תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים גּוֹרְמִים, שכן מצינו באנשי נינוה וכו׳.

[מז] ענין הטמטום הלב עצמה.

KolSatmar.com

צו

לפי האמור יוצא דמקרא ביכורים אי אפשר לקיים רק בזמן שבית המקדש קיים, [ונרמז בפסוק רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ 'תָּבִיא בֵּית ה' אֱלֹקֶיךָ'], אבל בזמן הזה אי אפשר להשלים זה בקריאה

[והכוונה בזה] ווי כ'האָב פריער געזאָגט אַז ס'קען דאָך נישט זיין די קריאה [להשלים המצוה] **בשלימות**, [כשאין בית המקדש קיים, או שאין הדבר אמת לאמיתו אצל המביא].

[ונמצא כי] **אַלדינגס איז מען מקיים** [בדרך] **וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ, אָבער בִּכּוּרִים מ'זאָל אֱמֶת'דיג מקיים זיין, מוז זיין** [אַז] **דאָס 'הֲוָיָה' - דאָס מְצִיאוּת - מוז אֱמֶת'דיג זיין.** [דהיינו] **ווען ס'וועט זיין אַ בנין בית המקדש,** [וזה נרמז בפסוק] **רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ 'תָּבִיא בֵּית ה' אֱלֹקֶיךָ'** (משפטים כג, יט. תשא לד, כו).

**ביי די בִּכּוּרִים, ווען ס'איז דאָ אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, קען מען ברענגען בִּכּוּרִים.** [אָבער] **אַז ס'איז נישטאָ קיין בֵּית ה' אֱלֹקֶיךָ, קען מען נישט ברענגען קיין בִּכּוּרִים.**

צז

ולכן נאמר בתחלת הפרשה 'וְהָיָה' כִּי תָבוֹא, דהוא על דרך שדרשו בהווייתו תהא, דבמצוה זו צריך שיהיה ההויה והמציאות אמת וקיים, שיש לו חלק בארץ, ושהוא בזמן שבית המקדש קיים כשהארץ ניתנה אָז לישראל, ובלאו הכי לא שייך לקיים המצוה של מקרא ביכורים

**איבערדעם זאָגט ער 'וְהָיָה' כִּי תָבוֹא, טאַקע ווען ס'וועט זיין,** [וגם] **פשוט על שם העתיד.**

**ס'שטייט דאָך** [בשאר ענינים, אַז] **מיטן לימוד התורה הייסט דאָך אויכעט ווי מ'העט געטון, אָבער פונדעסטוועגן** [דער] **וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ** [לא שייך כל כך אצל ביכורים]. **דעס וואָס מ'זאָגט טאַקע, אליבא דאמת, אַזוי ווי ביי אַנדערע קרבנות, דאָס פעלט דאָך ביי בִּכּוּרִים, אַזוי ווי כ'האָב פריער מַסְבִּיר געווען, ווייל די קריאה אַליין קען מען דאָך נישט זאָגן.**

**איבערדעם איז נאָר 'וְהָיָה' כִּי תָבוֹא, די רעכטע הבאת ביכורים ווען נאָר זיין ווען ס'וועט זיין דאָס מְצִיאוּת.**

צח

## סיום התורה - וברכת הקודש

[און] **דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין דערצו, טאַקע צו דעם 'וְהָיָה' כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ,** [אַז] **דער בורא כל עולמים זאָל העלפן אידן** [בביאת הארץ דלעתיד לבא].

צט

**איבערדעם**[מח] **ווען ס'קומט טאַקע אַצינדערט דערנאָך, די הייליגע טעג.**

**אפשר איז דאָס ביידע אֱמֶת,** [סיי אַז] **מ'ליינט די תוכחה** [כדי] **ס'זאָל זיין תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ,** און [סיי אַז] **מ'לאָזט איבער אַ שַׁבָּת פאַר ראש השנה** [שקורין בה פרשת נצבים, כדי לרמז בזה, אַז] **ס'איז נאָך אַ מְצִיאוּת אין דעם יאָר אַליין מ'זאָל שוין זען עפּעס, און ס'זאָל שוין זיין** [טאַקע] **תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ** [בשנה זו עצמה].

---

[מח] כל אות זה שייך לחלק הדרוש שנדפס בחלק א' של הקונטרס, ולצורך המשך הלשון דלהלן, העתקנוהו גם בכאן.

KolSatmar.com

ק

אַז דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, - אַזוי ווי מ׳קומט זיך צונעזאַם מאָרגן[מט] דאָס ערשטע מאָל [לאמירת סליחות ותחנונים], - אַז מ׳זאָל די זְכִיָּה האָבן [צו] זאָגן ׳אֱמֶת׳דיגע דִּבּוּרִים׳ פאַרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אונז זאָל מיר נאָך די זְכִיָּה האָבן, נאָך מְתַקֵּן צו זיין וואָס מ׳האָט פּוֹגֵם געווען.

דער בורא כל עולמים זאָל נאָך דערפרייען אידישע הערצער, אַז מ׳זאָל מיר די זְכִיָּה האָבן צו זען הַשְׁפָּעַת קְדוּשָׁה.

אַז מ׳זאָל די זְכִיָּה האָבן [זיך] מְדַבֵּק צו זיין אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

ס׳זאָל טאַקע בֶּאֱמֶת נִתְרוֹמֵם ווערן דער קֶרֶן הַתּוֹרָה, און דער קֶרֶן הַקְּדוּשָׁה, און דער קֶרֶן הַטַּהֲרָה, בְּיִשְׂרָאֵל.

מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין צו זען די יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה.

מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין צו זען בִּמְהֵרָה [דעם] הִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה, וְהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, מִתּוֹךְ נַחַת וְשִׂמְחָה, מיט אַ שְׁנַת גְּאוּלָה וִישׁוּעָה.

אונז זאָל מיר טאַקע בִּמְהֵרָה געהאָלפן ווערן.

דער בורא כל עולמים זאָל ׳אויפרעכטן׳ אידישע הערצער, מיט אַ יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה.

יְרַחֵם עַל עַמּוֹ וְעַל אַרְצוֹ.

דער בורא כל עולמים זאָל שוין ׳צוזען׳ די גרויסע נִסְיוֹנוֹת, אין דעם גרויסן שִׁפְלוּת.

וואָס קאָן מען דען טון, אין וואָס קאָן מען זיך אָנכאַפּן.

מ׳זאָל די זְכִיָּה האָבן בִּמְהֵרָה, מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין לִישׁוּעָה שְׁלֵימָה.

מ׳זאָל מיר זיך אויסבעטן שוין אֱמֶת׳דיג, אֱמֶת׳דיג שוין אין דעם יאָר.

מ׳זאָל האָבן הֲכָנָה.

ס׳קומט די הייליגע טעג.

מ׳זאָל בִּמְהֵרָה געהאָלפן ווערן מיט די יְשׁוּעָה אֲמִתִּית.

מ׳זאָל זוֹכֶה זיין צו זען זיך תיכף מיט מָשִׁיחַ !

בְּנַחַת, און מיט שִׂמְחָה !

בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[מט] ביום א׳ סליחות.

KolSatmar.com